STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05899

# TSVISHN YAMEN UN LENDER

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אָפּאַטאָשו

# צווישן ים׳ען און לענדער

## אַ רייזע קיין ארץ־ישראל

בידערמאַנס פאַרלאַג: „שיינדל"
ניו־יאָרק, 1937

Copyright, 1937
By
J. OPATOSHU
New York, N. Y.

אַסטאָריאַ פּרעס, 61 א. 4טע סט., ניו־יאָרק 490

מאַרק שאַגאַל



# צווישן ימ׳ען און לענדער

# 1. אויף דער אָלימפּיק

אָנהייב מאַי, ווען דער הימל איז געווען טיף און בלוי, די קיילעכ־דיקע שיף־פענצטערלעך ברייט צעעפנט, האָבן ים־ווינטלעך פראַנק און פריי געשפּאַצירט איבער די קילע און טונקעלע קאַיוטעס. איינעם צע־שטראַלטן פרימאָרגן, וואָס האָט זיך געריסן פון מזרח מיט אַזאַ עזות, האָט אַלץ געגרינט — דער ים, די לופט, די ווינטלעך. די זון האָט געבלענדט, אָבער קוים געוואַרעמט. פון ים האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן אַ קילקייט — אַ קילקייט, וואָס הייטערט אויף, שטאַרקט און דער מענטש ווערט יונגער, טראָגט זיך פון איין עק אויף דער צווייטער, איז גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט די ים־ווינטן. און דעם מענטש איז גוט מיטן בלויען הימל, מיט גרינלעכן ים, מיט דער נאָך גרינלעכער שוים, וואָס שפּאַרט זיך פון ביידע זייטן שיף, ווי אַ ריזיקער, צעדריוועלטער פעכער, וויגט זיך ווי צעשמאָלצן ביר־גלאָז.

אין אַזאַ פרימאָרגן האָט אַ סטואַרד צוויימאָל אָנגעקלאַפּט אין אַ טוריסטן קאַיוטע:

— מיסטער נעש! מיסטער נעש!

נעש האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם וואַנט־בעטל:

— ווער איז?

— ס׳איז צען מינוט נאָך זיבן, מיסטער נעש.

נעש האָט זיך אויפגעזעצט:

— גוט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט — אַ קראַנפּאַס, אַן עלעקטרישער פעכער, אָנגעטאָפּעכץ, געפּעק. אויפן טיש — אַ צעעפנט בוך און מאַראַנצן־שאָלעכץ. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט דער ים, אַ גרינלעכער, אַ רואיקער, זיך געקנייטשט. וואו איז ער געווען, נעש? ער האָט זיך גוט אויסגעריבן די אויגן און עס האָט גענומען אַ ווייל ביז ער האָט פון זיך אָפּגעשאָקלט די נאַכטיקע וועלט און איז אריבער אין דער טאָגיקער.

נעש איז אראָפּ פון בעטל. קילע ווינטלעך האָבן אים דורכגענומען,

אפגעפרישט און אויפגעהייטערט. נעש איז געפארן מיט דער אלימפיק קיין שערבורג. פון שערבורג וועט ער פארן קיין מארסעל און פון דארט מיט א פראנצויזישער שיף קיין ארץ־ישראל. מארסעל, אלעקסאנדריע, יפו. דער וועג איז אן אויסגעטראטענער, אלט — יארהונדערטער. ווער איז שוין אלץ דא נישט דורכגעגאנגען?

נעש האט זיך א צי געטאן, זיך פארמאסטן מיט די פויסטן אין דער לופט אריין. איין מאל, נאך אמאל, א דריט מאל. צו וואס האט מען אים אזוי פרי אויפגעוועקט? דאס האט ער, נעש, זיך אליין געהייסן אויפוועקן, געוואלט זען, ווי מען וועט דעם ניו־יארקער פרעסער זיין רעכט טאן, ווי מען וועט אים אינמיטן ים ברענגען צו קבר־ישראל.

און דער ים האט נישט געשטורעמט, נישט געשליידערט די שיף, נישט געשפארט ביי די פאסאזשירן די געדערעם אין האלדז אריין. דער פרימארגן, אנגעלאדנט מיט אוצרות, האט זיך געקייקלט איבערן ים, פארשטעקט אין יעדן וואסער־בויג, אין יעדן וואסער־קנייטש, גאלד און זילבער, גאלד און זילבער.

נעש האט זיך אנגעטאן. ער האט געשנורעוועט די שיך און גע־טראכט, אז ביים „כשר־טיש" אויף דער אלימפיק וועט איצט בלויז זיצן דאס לאנדאנער מיידל. נעבכן איז נאך ביים לאנגן טיש אויך געזעסן דער פרעסער, א שווערער, אפגעארבעטער ייד פון א יאר פופציק, וואס האט געליטן פון אסטמע. דאס לאנדאנער מיידל איז געקומען קיין ניו־יארק זוכן א חתן. זי איז אפגעווען אין ניו־יארק א יאר צייט און פארט צוריק קיין לאנדאן אן אנטוישטע. זי האט גע'טענה'ט, אז די יידן, וואס זי האט אין ניו־יארק באגעגנט, זענען ערגער פון געצנדינערס, וויסן נישט פון קיין שבת, פון קיין יום־טוב, גלייבן אין איין זאך — אין געלט. און דאס וואס ס'לאנדאנער מיידל האט פארמאגט און וואס זי האט געדארפט אוועקגעבן, האט זי מיט שטאלץ צוריקגעפירט קיין לאנדאן, נישט פארגונען עס די ניו־יארקער „געצנדינערס".

דער צווייטער פאסאזשיר פונעם „כשר'ן טיש" האט איבער דרייסיק יאר געפרעסט אין ניו־יארק רעק, אנגעווארן ביי דער ארבעט ס'געזונט. ער איז געווען גליקלעך, וואס ער פארט אהיים, וועט שטעלן טאטע־מאמע מצבות, וועט זען חתונה צו מאכן א שוועסטער'ס פארזעסענע טאכטער. דערצו האט ער געגלויבט, אז די נסיעה איבערן ים וועט ביי אים צונעמען די אסטמע. פארט ער שוין צוויי מעת־לעת און די לונגען זענען פול מיט לופט — א מחיה. און ער וועט טאקע מיט די אייגענע

אויגן נאך אמאל אנקוקן פלאצק. דארט איז ער געבוירן געוואָרן, דאָרט איז ער אויסגעוואקסן און דאָרט האָט ער חתונה געהאט. אין די פלאצקער וועלדער, טרוקענע, סאסנאווע וועלדער, וועט ער געזונט ווערן, מוז ער געזונט ווערן. פאר די דרייסיק יאר אין אמעריקע האָט ער געהאט איין חלום — זיך נאכאמאל דורכשפאצירן איבער דער לאנגער, וואַרשעווער גאס, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. און דער חלום האָט געהאלטן ביים מקוים ווערן. פון גרויס פרייד האָט דער פרעסער נישט אויפגעהערט צו שטעלן „סקאטש", געטרונקען ברודער־שאפט מיט וועמען ס'האָט זיך געמאכט. צום פרעסער'ס שמחה איז קיין שיעור נישט געווען. ס'האָט אויסגעזען, אז דאָס געלט, וואָס ער האָט געקליבן א גאנץ לעבן, וועט ער אויף דער שיף צעטרענצלען. ער איז כמעט נישט ארויס פונעם טרונק־זאל. עס איז צוגעפאלן א הארץ־אטאקע. מען האָט אים גענומען אין שפיטאל אריין. די הארץ־אטאקע האָט נישט נאכגעלאזט. ארום האלבע נאכט איז דער פרעסער געשטאָרבן. עס איז געווען טויזנט מייל פון ניו־יאָרק, איבער צוויי טויזנט מייל פון שערבורג.

נעש איז ארויף אויף דער דעק. די פאסאזשירן זענען נאך גע־שלאפן. מאטראסן אין גומענע שטיוול האָבן פארענדיקט דאָס וואשן פון דער דעק. דער הימל איז געווען בלוי, דער ים — גרין. און פון מזרח האָט די זון, א יונגע, געשליידערט אין דער טיפער גרינקייט — גאָלד, זילבער, בריליאנטן.

פונעם העכסטן דעק איז אנגעקומען א פאָרל. די לעדערנע רעקלעך צעקנעפלט, די שויבערס אויף די בלויזע קעפ — צעווינטלט. און אין די יונגע, אָפענע פנים'ער, געוועלעכע פנים'ער, איז געווען אזא אומרו, אז מען האָט געמוזט זיך אפשטעלן און זיי נאכקוקן. דאָס פאָרל — ער אכצן, זי זיבעצן — איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, געפאָרן ארבעטן אין אן אמעריקאנער קבוצה. זיי האָבן דערזען נעשן און זייערע פנים'ער צעשמיכן פון ווינט, האָבן אויפגעלויכטן:

— א גוטן מאָרגן, חבר נעש.

אלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי מען קוקט זיך איבער, ווען פון צופיל ליכט באפט נישט ס'אויג וואו ס'איז ים און וואו הימל. דאָס האָט אנגעהאלטן א ווייל. באלד זענען די אויגן ביים מיידל, קארע אויגן, געוואָרן טרויעריק און ס'קינדישע פנים האָט זיך אנגעכמורעט:

איר פארשטייט, חבר נעש, אויף דער שיף, וואו מען זעט בלויז

ארום זיך הימל און וואסער, דערפילט זיך דער מענטש אזוי קליין, אזוי נישטיק, א שטויבעלע — און מיטאמאל באוויזט זיך טאקע דער טויט.

— און נישט אזוי דער טויט — האט דער בחור מיט אזא רוגזה א שפיי געטאן, דאכט זיך, נישט אין ים אריין, נאר טאקע דעם טויט אין פנים אריין — א מענטש האט ס׳גאנצע לעבן געבענקט אהיים און אז ער איז שוין אינמיטן וועג, נעמט ער און שטארבט גאר אוועק! אט־דא ליגט די מיאוס׳קייט!

נעש האט אנגעקוואלן פונעם פארל, וואס האט געשפאנט מיט פארריסענע קעפ איבערן לידיקן געוואשענעם דעק. ביידע זענען געוועזן סטודענטן, וואס האבן געווארפן די אוניווערזיטעטן. ביידע זענען געפארן קיין ארץ־ישראל, געפארן ארבעטן אין א קאמונע, געפארן בויען סאציאליזם.

ס׳האט זיך באוויזן א מענטשל אין א שווארצן, רבנ׳ישן קאפעלוש, אין א שווארץ אלפאגן כאלאטל ביז צו די קני, אין א פאר נייע אלפאגענע הויזן, וואס האבן געפינקלט, ווי גאס־אייזן. ס׳דארער פנים — ברוין, טונקל ברוין. ס׳בערדל, די האר — שווארץ, פעך־שווארץ. און די אויגן — סמאלע אויגן — האבן געקוקט אי איבערגעשראקן, אי ווי ביי א גזלן. דערצו האבן די ליפן, רויטע, פליישיקע ליפן, אפגעדעקט א מויל מאכיקע ציין, וואס זענען געווען גערדיכט, א צאן הינטער א צאן, גערדיכט און שפיציק, ווי די שופן ביי א צייטיקער סאסנע־שישקע.

נעש האט זיך גע׳חדוש׳ט פארוואס ער האט דעם פארשוין ביז איצט נישט געהאט באמערקט. פון וואנעט האט ער זיך דא גענומען? דער פארשוין איז שוין געשטאנען לעבן נעשן. ער האט א רוק געטאן ס׳רבנ׳ישע קאפעלושל צום קארק צו, אפגעדעקט א לומדישן שטערן, וואס האט זיך געפעלדלט, ווי ער וואלט זיך גע׳ישוב׳ט מיט די נישט־זיכערע אויגן:

— אזוי צי אזוי?

ער האט ארויסגענומען פון א וועסטל־קעשענע א וויזיט קארט, זי צוגעטראגן, ווי א קורצזיכטיקער, צו די אויגן. דערנאך האט ער ס׳קארטל א שטעק געטאן נעשן אין דער האנט אריין און זיך סתם צערעדט:

— אויף אזא טויט קען מען יא זאגן: „והיתה נבלתך למאכל לכל תניני המים״, ווי מען פלעגט זאגן ביי אונדז אין ירושלים — וועסט קומען די הינט צעטיילט.

### י. אָפּאַטאָשו

ס'וויזיט־קאַרטל איז געווען אין ענגליש:

ABRAHAM DRATVE

Rabbi of the Jewish Colonies of the Upper
Galilee, Palestine

נעש האָט עס איבערגעלייענט, אָפּגעמאָסטן מיט איין אויג דעם רב פון גאַנץ גלול־העליון און אים געפרעגט:

— איר זענט א רב?

— איך?—האָט ס'קאַפּעלושל זיך א שאָר געטאָן פון קאַרק איבער די גזלנ'ישע אויגן — איך? כ'בין א רב, אודאי בין איך א רב. און כ'וועל אייך זאָגן, מיסטער נעש — האָט דער רב גערעדט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז ס'איז אַ חדוש געווען פאַרוואָס די ווערטער פּאַרטשעפּען זיך נישט ביי אים צווישן די ציין — ס'איז אַן עוולה, ס'איז אַ גרויסע עוולה, אַזאַ שיף, אַ קליינינקייט, די אָלימפּיק. יידן אין ערשטן קלאַס, יידן אין טוריסטן קלאַס, יידן אין דריטן קלאַס — דאַרף מען זען אַ ייד זאָל קומען צו קבר־ישראל, נישט אים וואַרפן אין ים אריין. האָט יואב די דער'הרג'עטע שונאים מקבר געווען.

— האָט איר גערעדט מיט די יידן פונעם ערשטן קלאַס? — האָט נעש אים געפרעגט און זיך געוואונדערט פון וואַנעט דער רב וויים אים אָנצורופן ביים נאָמען.

— ווי קען איך רעדן, אַז מען לאָזט מיך אַהין נישט אריין?!

— מיט וואָס פאַר אַ קלאַס פאָרט איר דען?

— איך? — האָט דער רב עטלעכע מאָל איבערגע'חזר'ט דעם „איך" און זיין צעאַקערטער שטערן האָט זיך גלייכצייטיק דורכגערעדט אויף שטום־לשון מיט די אומרואיקע אויגן — איך? מען האָט זיך געבעטן ביי מיר: „פאָרט מיט טוריסטן־קלאַס". און איך — ניין! אַז מען פאָרט וועגן אַ דבר־מצוה, אַז מען פאָרט קלייבן געלט פאַר אַ ירושלימ'ער ישיבה, דאַרף מען איינשפּאָרן יעדן סענט.

דער כשרות־משגיח פון דער אָלימפּיק, אַ דיקלעך מענטשל מיט בלאָנדע, צוגעשווירענע וואָנסעלעך, איז אונטערגעלאָפן צו נעשן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאַרשווין מיטן רבנ'ישן קאַפּעלוש און זיך קריקגעצויגן מיט אַזאַ שרעק, ווי דער פלאַץ אַרום אים וואָלט געווען געמינעוועט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי, דריי רגע'ס. דער משגיח איז שוין אַזוי געבליבן שטיין, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין פּאַזע,

נאָר זיין געוויינלעך געשטעל. ער האָט געוויזן אויף זיין בלויען ראָק מיט די מעשענע קנעפּ, וואו ס׳איז געווען אויסגענייט מיט גאָלד „שומר" און זיך צערעדט אין אַ ברייטן פּוילישן יידיש, גערעדט אַזוי, ווי אַ חוץ נעשן, וואָלט קיינער ארום אים נישט געשטאַנען:

— כ׳בין שוין אַכט יאָר אַ „שומר" איבער כשרות און, גאָט באַהיט, קיין ייד איז נאָך ביי מיר נישט געשטאָרבן. כ׳האָב דורכגעשניטן דעם אַטלאַנטיק, דעם פּאַסיפיק, דעם מיטלענדישן ים, געהאַט ביי מיין „כשר־טיש" צענדליקער און הונדערטער פּאַסאַזשירן. און דאָ—גאַנצע צוויי פּאַסאַזשירן — נעמט איינער און טוט אָפּ אַזאַ נארישקייט. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין בייז, צי כ׳וויים, וואָס מען דאַרף זאָגן, ווען מען וועט דאָס מת אַראָפּלאָזן אין ים אַריין?

— וואָס איז דאָ נישטאָ צו וויסן? — איז דער פּאַרשוין מיטן רבנ׳ישן קאַפּעלוש געווען גרייט אַרויסצוהעלפן — מען זאָגט קדיש.

דער משגיח האָט נישט געענטפערט. זיין קליין געשטעל איז נאָך קלענער געוואָרן. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיט די פּלייצעס צום רבנ׳ישן קאַפּעלוש און ווייטער גערעדט צו נעשן:

— דעם טויטן איז דאָך אַלץ איינס. וואָס איז טאַקע די נפקא מינה צי פיש, צי ווערים עסן אויף דעם גוף? כ׳וואָלט אָבער נישט געוואָלט מען זאָל מיך נאָכן טויט וואַרפן אין ים אַריין. כאָטש גוים קוקן דערויף אַנדערש. האָט דער פּרעזידענט פון דער „קונאַרד ליין", אַן אַלטער בחור, אַ מיליאָנער, איבערגעלאָזט אַ צוואה מען זאָל אים אין מיטן וועג, צווישן ניו־יאָרק און שערבורג, אַריינוואַרפן נאָכן טויט אין ים אַריין. און מען האָט עס געטאָן. משוגעים.

— און מיט די מיליאָנען, מיטן פּרעזידענט׳ס מיליאָנען, וואָס איז געוואָרן? — האָט דאָס רבנ׳ישע קאַפּעלושל זיך אַ פרעג געטאָן מיט אַזאַ נייגעריקייט, ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ יורש צו די מיליאָנען.

— זעט נאָר ווי ס׳גייט אים אין לעבן? — האָט דער משגיח ערשט אָיצט בייז און מיט ביטול אַ קוק געטאָן אויפן רבנ׳ישן קאַפּעלוש — און אַז דו וועסט שוין וויסן, רב מיינער, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט די מיליאָנען, וועסטו דען קריגן אַ סענט דערפון? וועסט קיין געשוואָלענעם סענט אויך נישט קריגן! אין ארץ־ישראל איז יעדער משולח, יעדער מדינה־גייער — אַ רב!

— אודאי בין איך! — האָבן די אויגן ביים ארץ־ישראל ייד זיך

צעפּינקלט, זענען קלענער געוואָרן און ס'בערדל, די אויגן, דער שטערן, אַלץ האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ שטיק חושך.

נעש האָט נישט געוואָלט דערלאָזן די „כלי־קודש" זאָלן זיך צע־קריגן. און איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אַריינצומישן, האָט דער משגיח זיך שוין געטראָגן צום אָפענעם דעק־פּאַרענטש.

עולם האָט זיך שוין געהאַלטן אין קלייבן — יידן, גוים. אָט איז דער קאַפּיטאַן אין „פול־דרעס". ס'ווייסע געפּרעסטע העמד האָט אַרויס־געבליצט פון דעם שוואַרצן פראַק. אויף די הענט ווייסע הענטשקעס. אַרום דעם קאַפּיטאַן — זיין גאַנצער שטאַב. די שיף האָט גענומען גיין פּאַמעליכער. אין דערמיט פונעם זעגלבוים האָט זיך צעווינטלט די אַמעריקאַנער פאָן, דערציילט, אַז די אָלימפּיק טרויערט נאָכן פּרעסער. ס'איז געוואָרן שטיל. ס'האָט אויסגעזען, ווי די שיף וואָלט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער קאַפּיטאַן מיטן שטאַב האָבן זיך צעשטעלט פון ביידע זייטן מת, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצער פּלאַכטע. הינטערן קאַפּיטאַן — אַן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר מיט אַ קליינעם סינעמע אַפּאַראַט. דער פּראָפעסאָר, וואָס איז קריקגעפאָרן קיין עגיפּטן, וואו ער איז שוין יאָרן געווען פאַרבונדן מיט אַן אַרכעאָ־לאָגישער עקספּעדיציע, האָט נישט אויפגעהערט צו פאָטאָגראַפירן די לויה.

דער משגיח, אַן מראה אין פּנים, איז אויסגעוואַקסן צוקאָפּנס דעם מת. צווישן די געוויקסיקע שיף־אָפיצערן האָט ער אויסגעזען נאָך קלענער. דער משגיח האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך גע־וואָלט צעוויגן, און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„יתגדל ויתקדש — — — "

בשעת דער משגיח האָט געזאָגט קדיש האָבן די אָפיצערן מיטן קאַפּיטאַן סאַלוטירט און דער פּאַרשוין מיטן רבנ'ישן קאַפּעלוש איז געגאַנגען מיט אַ פּאַטשיילע אין דער האַנט פון איינעם צום צווייטן. ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ שטיל מאָראַליש קול:

— צדקה תציל ממות.

געגעבן האָבן אַלע — יידן, קריסטן — ווי זיי וואָלטן זיך דערמיט געוואָלט אויסקויפן ביים טויט.

דער משגיח האָט אַראָפּגענומען די שוואַרצע פּלאַכטע, אָפּגעדעקט אַ ווייס ברעט, אַ געווײנלעך אומגעהובלט ברעט. צום ברעט איז דאָס

מת געווען צוגעבונדן. א מאטראָז האָט אונטערגעהויבן ס׳ברעט, עס א שטופּ געטאָן אין ים אַריין.

נעש האָט געקוקט, ווי ס׳ברעט וויגט זיך, קייקלט זיך אַרויף, קייקלט זיך אַראָפּ, פליט אין וואַסער אַריין מיט א טעמפּן־פליעסק.

ס׳פּאָרל, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַרבעטן אין א קבוצה האָט זיך ארויסגערוקט פונעם עולם. ביידע געאָרעמט. זי — די אויגן פאַרוויינט. ער — מיט א געבויגענעם קאָפּ, מיטן שוואַרצן שויבער האָר ביז איבערן שטערן.

די שיף האָט גענומען גיין גיכער, שנעלער. זי האָט אַרויסגע־וואָרפן גרינלעכע כוואַליעס, פאַרווישט ס׳ברעט מיטן פּרעסער, וואָס האָט איבער דרייסיק יאָר גע׳חלום׳ט צוריקצופאָרן קיין פּלאַצק, געוואָלט נאָכאַמאָל זיך דורכגיין איבער דער וואַרשעווער גאַס, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

דער קאַפּיטאַן מיטן שטאַב זענען אַוועק. די מאַטראָזן זענען אַוועק. ס׳לאָנדאָנער מיידל איז אונטערגעקומען:

— אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק. איצט וועל איך דאַרפן זיצן איינע אַליין ביים „כשר־טיש״.

## 2. אַלעקסאַנדריע

מיטאָגצייט האָט די פראַנצויזישע שיף „פּאַטריאַ״, וואָס איז גע־פאָרן פון מאַרסעל קיין יפו, זיך דערנענטערט קיין אַלעקסאַנדריע. ווייסע ים־פייגל מיט נאָך ווייסערע פליגל האָבן זיך געטראָגן אין די הונדערטער מיט א ווילד געגודעריי. די פליגל פאַרשפּיצט, די קעפּ פאַרריסן. און אין יעדן בויג אַזאַ ביטול צו דער אַפריקאַנער זון, וואָס האָט שטאַרק געברענט. נאָך די פייגל — די שיף, געפאַרבט אויף ווייס מיט דריי בלויע קוימענס. נאָך דער שיף — א צענדליק בייכיקע שיפלעך.

געוויקסיקע אַראַבער אין ווייסע הויזן, אין שוואַרצע הויזן — ברייטע, צעבלאָזענע הויזן — זענען באַרוועסע געשטאַנען אויף די ראַנדן פון די שיפלעך. יעדער אַראַבער האָט געהאַלטן א לאַנגע וויאַסלע, געשאַרט ס׳וואַסער, וואָס איז אַרום די שיפלעך מער שוין נישט געווען בלוי, נאָר גרין, געשאַרט און מיטן וויגן פון די כוואַליעס האָבן די אַראַבער זיך גראַציעז געבויגן דאָ אויף איין פוס, דאָ אויף אַן צווייטן. די ברייטע הויזן האָבן זיך צעבלאָזן, די ווייסע העמדער מיט די לויזע

ארבל האבן זיך צעבלאזן און די אראבער — ווי ווילדע ים־פייגל — האבן זיך צעגודערט, איבערגעשריען די הונדערטער מעוועס, וואס האבן זיך געטראגן איבער דער שיף.

די שיף האט זיך אפגעשטעלט. מען האט גענומען אראפלאזן די ענג־בריקן.

עס זענען אנגעלאפן בארוועסע טרעגער, האלב־נאקעטע. די קעפ — פארבונדן מיט שטיקלעך האנטעך, וואס זענען אמאל ווייס געווען. ארום די לענדן — שטריק. זיי זענען געלאפן צעשראקענע, ווי איבער די געבויגענע פלייצעס וואלטן זיך געהויבן צעקנאלטע בייטשן. דא און דארט האט אן אויפזעער, אין א ברודיקער שווארצער קאפאטע, איבער דער קאפאטע א ווייסער כאלאט, מכבד געווען א טרעגער מיט א יאמשענעם שטעקן. די געשלאגענע טרעגערס האבן הכנעה'דיק געשמייכלט, פלינק אונטערגעשטעלט קעפ און פלייצעס, געשלעפט קאסטנס, גרויס ווי א שטאק. פון אונטער די קאסטנס האבן זיך בלויז ארויסגעזען — פיס. דארע, אפגעשלאגענע פיס, חשכ'דיקע, ווי ביי מומיעס, האבן זיך געוואקלט איבער די אנגעגליטע שטיינער.

געלט־טוישער, מיט אזויפיל שפראכן אין די מיילער, וויפל שיפן ס'קומען אין פארט אריין, האבן זיך אראפגעלאזט אויף דער „פאטריא", ווי א וואלקנברוך. אין דער לינקער האנט א שטויס פאפירן־געלט — דאלארן, פונטן, מארקן, פראנקן. אין דער רעכטער האנט — קליינגעלט — זילבער און ניקל געקלימפער. די שווארצע אויגן צעקרימט. איינס ארויף, איינס אראפ. צווישן די אויגן א נאז, ווי א פראצענט פאסיקל צווישן צוויי נולן. און די כיטרע מיילער האבן אויסגערופן אויף ענגליש, אויף פראנצויזיש, אויף העברעאיש, אויף דייטש און אפילו אויף רוסיש:

— בייטן געלט, בייטן געלט, בייטן געלט!

און אז אן עגיפטישער ייד, א חלפן, צי א פערסישער, האט דער־קענט א פאסאזשיר א ייד, האט ער צוגעגעבן אין נדן אריין: „יהודי אנוכי, יהודי". און אז דער חלפן האט אליין נישט געקענט מושוה ווערן, האט ער ארויסגעשלעפט פון הינטער דער וועסט די ציצית און אפגע־נארט אויף עטלעכע פיאסטערס.

וואו א קער — ווייסע ציין, שווארצע אויגן, שטילע חיה'שע טריט. מען איז באפאלן יעדן אויסלענדער, זיך געוויקלט ארום אים, ווי שפינ־וועבס, אים נאכגעשריגן אויף צענדליקער שפראכן:

— ווילסט נישט קיין גילדענע לעטשלעך, ווילסט נישט קיין זיל־

בערנע לעטשלעך, האָב איך בורשטינען, האָב איך בראַסלעטן, האָב איך אַלטע אַנטיק אוירינג.

דער פאַרשוין אינעם רבנ׳ישן קאַפּעלוש האָט דאָ געקויפט אַ בראָש, דאָרט אַ בראַסלעט, דאָ — אַ פּאָר גילדענע לעטשלעך, דאָרט — אַן אויסגעהאַפטן קלייד. די מתנות, וואָס ער האָט געקויפט פאַרן ווייב, פאַר די טעכטער, האָט ער געטראָגן אין די הענט, אויף די אַקסל. פון גרויס פרייד האָט זיך ס׳קאַפּעלושל ביי אים פאַרשאַרצט, די אויגן האָבן זיך געפרעגלט אין דער אייגענער סמאַלע. און אַז ער איז שוין גרייט געווען קריק אַרויפצוגיין מיט דער הענג־טרעפּ אויף דער שיף, האָט אַ הענדלער אין אַ טורבאַן אים אונטערגעטראָגן אַ פּעקל זנות־פאָטאָגראַפיעס:

— ביליק. איינגאַנצן צען פּיאַסטערס.

דער פאַרשוין האָט זיך גוט איינגעקוקט און זיך אַ שאַר געטאָן פונעם הענדלער, ווי פון אַ שרץ:

— פע, פע.

וויפל פעלקער, וויפל לשונות, וויפל קולטורן האָבן זיך שוין דורכגעטראָגן איבער אַלעקסאַנדריע, וואָס ציילט קנאַפּע דריטהאַלבן טויזנט יאָר? גיי טרעף וועמעס בלוט ס׳רינט אין די אַלע געלט־טוישערס, אין די לאַסט־טרעגערס, אין די באַלייבטע אויפזעערס מיט די יאַמשענע שטעקנס?

דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג האָט זיך געטראָגן מיט נעשן אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל, איבערגעשראָקן אייזלען, קעמלען, פאַר׳חלום׳טע אַראַבער. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַרייננגעדרייט אין ניי־אַלעקסאַנדריע, וואָס איז אַ געמיש פון שטיקלעך פּאַריז, שטיקלעך בערלין און אפילו שטיקלעך ניו־יאָרק. ס׳איז אַ הינטערשטאָט. די גרויסע שטאָט אַליין איז אָבער נאָך נישט אויסגעבויט. און אַז דער אויטאָמאָביל איז אַרויס פון ניי־אַלעקסאַנדריע, האָט דער אַרכעאָלאָג, וואָס האָט בעסער געקענט עגיפּטן, ווי זיין געבורט־שטאָט באָסטאָן, גענומען צורעדן נעשן זיי זאָלן זיך לאָזן צו די פּיראַמידן, קיין גושן, אין דער מדבר. דער אַרכעאָלאָג איז געווען זיכער, אַז די האַנט, וואָס האָט פאַרצייכנט מענטשלעך האַריץ, מענטשלעכן מוח, איז דויערהאַפטיקער ווי די האַנט, וואָס האָט געקריצט פיגורן אין שטיין. מען דאַרף בלויז האָבן אַן אַנדער אלף־בית, אַן אַרכעאָלאָגישן. מען דאַרף געדענקען, אַז אונטער די מדבר-זאַמדן, וואָס טראָגן זיך שוין טויזנטער יאָרן איבער עגיפּטן,

ליגן פאַרשאָטענע קולטורן. איז אָנשטאָט אַהערצוקומען און אָפּצו־קערן די זאַמדן, אָפּצושטעכן די אָנגעטראָגענע בערג, זיצן דייטשישע פּראָפעסאָרן אין דייטשישע אוניווערזיטעטן און שאַפן ביבל־טעאָריעס, וואָס האָבן היינט צו טאָג פונקט אזא האַפט, ווי זייערע ראַסן־טעאָריעס. בלויז עגיפּטאָלאָגן, וואָס גיבן זיך אָפּ דאָ אויפן אָרט מיט אַרכעאָלאָגיע, בלויז זיי זענען זיכער, אַז ס׳איז געווען אַ יציאת־מצרים, אַז ס׳איז געווען אַ משה, בלויז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די געאָגראַפיע פון יציאת־מצרים איז נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג דער זיכערסטער וועג־ווייזער אין דער מדבר. ווייל ס׳חומש „שמות" — געאָגראַפיש, סטיליסטיש, לעקסיש — האָט בלויז געקענט געשריבן ווערן אין מצרים, אַ דור צי צוויי דורות נאָכדעם, ווי די סעמיטישע האַקסעס־דינאַסטיע איז אַראָפּ פון טראָן.

און אַז דער אויטאָמאָביל האָט זיך דערנענטערט צום נילוס, האָט דער אַרכעאָלאָג געוויזן אויפן טייך:

— ווייסט איר, מיסטער נעש, אַז דער נילוס ווערט קיין איינמאָל נישט באַצייכנט אין „שמות" מיט די נעמען — נהר צי נחל — נאָר שטענדיק יאור. אַזוי הייסט ער אויך אין אַלט־עגיפּטיש. דאָס האָט בלויז געקענט שרייבן אַ מצרי׳שער ייד, וואָס האָט נאָך געדענקט דעם לאָקאַלן נאָמען: יאור — דער קאַנאַל. און דאָס איז נישט ס׳איינציקע העברעאישע וואָרט, וואָס איז אַריין אין אַלט־עגיפּטיש. און פאַרקערט, עגיפּטישע ווערטער זענען אַריין אין אַלט־העברעאיש. ס׳איז אַן אויס־טויש פון צוויי קולטורן. אַ שאָד, מיסטער נעש, וואָס מיר מוזן זיך דאָ שיידן. אָט איז אַלט־אַלעקסאַנדריע. קריקוועגס פון פּאַלעסטינע זאָלט איר אומבאַדינגט מיר אָנקלינגען. איך וועל אייך ווייזן דעם גאַנצן וועג פון יציאת־מצרים.

זיי האָבן זיך געזעגנט. דער אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג, וואָס איז פאַרשוואונדן מיטן אויטאָמאָביל, האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אויפגע־ריסענע דורות און שאַרפן געזאַלין ריח.

נעש איז אַריין אין אַלט־אַלעקסאַנדריע:

וואו אַ קער — האַלב־נאַקעטע, פאַרוואָרלאָזטע קינדער. לעבעדיקע מומיעס, פאַרהונגערטע, פאַר׳חלש׳טע, זענען געלעגן אין שאָטן אויף די טראָטואַרן, זענען געלעגן אַרום די חורבות און האָבן צומאָל קיין כוח נישט געהאַט אָפּצויאָגן די מחנות פליגן, וואָס האָבן גענאָגט די באָרוועסע, אַזוי אויך שוין אויסגענאָגטע פיס. גאָר שמאָלע גאַסן, נאָך שמעלערע

געסלעך, פינצטערע ליקלעך. כמעט נישט דורכצוגיין. פליגן, קינדער, ציגן און שווערע ריחות. און איבער דעם אלעם — הייזער און חורבות. איין גארן איז געהאנגען איבערן צווייטן, ווי ער וואלט פון ערגיץ־וואו אראפגעפאלן און איז געבליבן ליגן מיטן בויך ארויף. ס'קאלך פון די ווענט האט זיך געשיילט, ווי א צרעת. די זון האט געברענט, גערייצט די חושים, אפגעטעמפט דעם מוח. ס'איז אנגעפארן א וואגן אויף צוויי רעדער געשפאנט אין אן אייזעלע. דאס אייזעלע האט זיך איינגע־עקשנ'ט און נישט געוואלט גיין. די גאנצע גאס־באוועגונג האט זיך אפגעשטעלט.

וואו א קער — א קאפע, א רעסטאראן, א טרונק־שטוב. אראבער אין קאלירטע כאלאטן, געפאלדעוועטע הויזן, פעסקעס אויף די קעפ, זענען געזעסן אויף די טראטוארן און געשפילט אין „שטיינער", גע־שפילט אין קארטן. מען האט גערויכערט נארגילעס און געמיטלעך געזופט ווער א שווארצע קאווע, ווער א קאלטן געטראנק.

ביי אן אפטייק־ביידל איז געשטאנען א פאר'חושך'טער אראבער מיט א געשוואלענער באק און מיט אן אומבאהאלפענעם בליק אין די אויגן, ווי ביי א קראנקער מאלפע. דער אפטייקער מיט ברילן אויף דער שפיץ נאז האט איינגעריבן די געשוואלענע באק מיט שמירעכץ. ער האט געטונקט שטיקלעך וואטע אין קאלירטע פלעשלעך, עס גע־שטופט אין קראנקן צאן אריין און די לופט האט א בלאז געטאן מיט טערפענטין, מיט יאדאפארם. א צוויי צענדליק קינדער, אין די בלויזע העמדלעך, האבן זיך צונויפגעקליבן און מיט גרוים הנאה זיך צוגעקוקט.

פון א הינטערגעסל איז אנגעקומען א בארוועסער אראבער איינגע־שפאנט אין א וועגעלע גרינס. ער האט אויסגערופן די סחורה מיט א פארוויינטן, פאר'דבקה'טן ניגון, ענלעך צו א גמרא־ניגון.

ס'זענען אנגעקומען צוויי עלטערע אראבער אין לויזע, געשטרייפטע כאלאטן, ווי טליתים. אויף די קעפ — שטיקלעך טורבאנען. די אויגן — טרויער. די בערדלעך — יידישע. מען איז זיך געגאנגען בנעימות, די בייכלעך אויף א פריער. אזוי האבן געדארפט אויסזען ר' פפא, ר' טרפון.

פון מאל צו מאל האבן פארבייגעשלייכט פארשלייערטע אראבישע פרויען. זיי זענען געגאנגען צו דריי, צו פיר, (ווייזט אוים ווייבער פון איין מאן), האבן געטראגן אין די הענט שאכטלעך פודער, פלעשלעך פערפיומען, וואס זיי האבן איינגעהאנדלט אין דער ניי־שטאט. דער

הלוך — אַ שוואַרצער, אַ לויזער, וואָס וויל אַלץ פאַרדעקן און בלייבט נאַקעט. בראַסלעטן אויף די הענט, אויף די פיס. נישט אומזיסט זענען אין העברעאיש „קודש” און „קדשה” לייבלעכע שוועסטערקינדער.

איבער אַ שוסטער־ביידל איז געהאַנגען אַ ציוניסטיש פענדל מיט אַ מגן־דוד.

— יהודי ? — האָט נעש געפרעגט דעם שוסטער.

אויגן ווייכערע, ווי ביי אַראַבער, האָבן זיך אַ צונד געטאָן. דער שוסטער, אַ מיטליעריקער, האָט אָוועקגעלייגט די דראַטוועס מיטן שטיק פעך, וואָס ער האָט געהאַלטן. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן די הענט אינעם כאַלאַט, וואָס איז אַמאָל ווייס געווען און מיט אַ שמייכל פון אַ מכניס־אורח האָט ער נעשן געגעבן שלום:

— יהודי, יהודי.

— וואו איז דער יידישער קוואַרטאַל ? — האָט נעש אים געפרעגט.

ער איז אַרויס פונעם שוסטער־ביידל, גרויס ווי אַ הינערשלאַק, האָט געוויזן אויף איין געסל, אויף אַ צווייט געסל, און געזאָגט מער מיט די הענט, מיט די ליפּן, מיט די אויגן, ווי מיט זיינע העברעאישע ווערטער:

—אויך דאָ וואוינען ספרדישע יידן, די אָרימערע — טרעגערס, באַלמעלאָכעס. די רייכע וואוינען אין דער ניי־שטאָט. איבער דרייסיק טויזנט ספרדישע יידן וואוינען אין אַלעקסאַנדריע. רייכע יידן, באַנקירן, גרויסע קעפּ. נישט ווייט וואוינען אשכנזים — האָבן אַ בית־הכנסת.

דער שוסטער האָט נעשן געוויזן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן איינגעפאַלענעם פלויט. אויפן ליידיקן פּלאַץ, וואו מען האָט קיין גרעזל נישט געזען, האָבן ציגן זיך געפּאַשעט צווישן בערגלעך פאַרהאַרטעוועט מיסט.

— זעסט דעם פּלאַץ — האָט דער שוסטער זיך איבערגענומען, ווי אויף דער חורבה וואָלט געשטאַנען אַ פּאַלאַץ — מיט טויזנטער יאָרן קריק איז דאָ געשטאַנען אונדזער בית־המקדש, חוניו׳ס בית־המקדש, ס׳איז נאָך געווען — פאַרן חורבן.

— חוניו׳ס בית־המקדש איז דאָך נישט געשטאַנען אין אַלעקסאַנ־דריע — האָט נעש אים פּרובירט אָפּפרעגן.

— געשטאַנען, געשטאַנען — האָט ער מיט ביטול אָפּגעוואָרפן נעשעס טענות — מיר האָבן עס בקבלה פון אונדזערע „כאַכאָמים”.

און ס'איז שענער געווען פאַרן ירושלים'ער בית־המקדש, אַזוי שטייט אין דער „גמאַרא".

ווי דער שוסטער האָט געדרשנ'ט, זענען זיך צונויפגעלאָפן אָפּ־געריסענע, באָרוועסע יינגלעך, אָפּגעריסענע, באָרוועסע מיידלעך. ס'־קליינוואַרג, מיט אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן, האָט נעשן אַרומגע־רינגלט. ס'איז אויך אונטערגעקומען אַ ווייבל מיט אַ זויג־קינד. פון די ביידלעך, וואו מען האָט פאַרקויפט עסנוואַרג, קליידער, מעבל — האָבן זיך גענומען אַרויסשאַרן מאַנצבילן, ווייבער. פון אַלע זייטן האָט זיך גענומען טראָגן: „שאַלאָם, שאַלאָם". די גאַנצע גאַס האָט נעשן געוואָלט אַרויסהעלפן. און אַז ער האָט זיך געפרעגט, וואו ס'איז דער אַשכנזישער קוואַרטאַל, האָט ס'קליינוואַרג אים אַהינגעפירט.

לעבן אַ רעסטאָראַן זענען געזעסן עטלעכע יידן. זיי האָבן גע־טרונקען טיי מיט ציטרין, געטרונקען קאַווע און גע'מסחר'ט מיט לאָטערי־צעטלעך. יידן פון רומעניע, פון פּוילן, פון גאַליציע. יידן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין וועג, האָבן געהאָפט היינט־מאָרגן זיך אַרויסרייסן פון אַלעקסאַנדריע. און אויך יידן, וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן פון אַשכנזישע עלטערן. דערווייל איז אין דער ספרדישער געטאָ אויס־געוואַקסן אַן אַשכנזישע. מען איז געזעסן אַרום די טישלעך, ווער איבער אַ „מאָמענט", ווער איבער אַ „היינט". מען האָט געלעבט מיט די זכרונות פון אַמאָל. און איבערן רעסטאָראַן אַן אייגן שולכל מיט אַ שרייעדיקער שילד: „נצח ישראל".

און אַז נעש האָט זיך געזעגנט מיט די לאַנדסלייט האָבן אים נישט בלויז אויגן מיט נעבעכדיקן טרויער באַגלייט, נאָר אויך אויגן מיט עקשנות, אויגן מיט אויסדויער, וואָס האָבן דערציילט, אַז די זיכערקייט ליגט אינעם המון.

אַ קוואַרטאַל אַהין, אַ קוואַרטאַל אַהער און נעש איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאָל געסל, נאָר אַ שמאָלס. שטיבלעך — זעקס־עקיגע קאַסטנס. איינס האַרט לעבן צווייטן. די טירן פון די שטיבלעך צעעפנט. ס'האָבן אַרויסגעקוקט בעטלעך, הימל־בעטלעך, און מיידלעך נאַקעט ביז איבער די גאַרטלען. די מיידלעך האָבן נישט גערופן. רופן איז פאַרווערט פון דער פּאָליציי. זיי האָבן בלויז געשמייכלט. און די נאַקעטע לייבער — שוואַרצע לייבער, ברוינע לייבער, ווי טונקעלע איילבירטן, אויך ווייסע לייבער האָבן גערופן, געשריגן. ס'איז אָנגעלאָפן אַ פּאַרט־אַרבעטער, אַן אָפּגעריסענער, אַן אויסגעהונגערטער. ער איז געלאָפן

פון איין שטיבל צום אַנדערן, ווי אַ געפאַנגענע חיה אין אַ שטייג. מיטאַמאָל האָט זיך הינטער אים פאַרמאַכט אַ טיר — אויס מידל, אויס הימל־בעט.

פון אַזאַ זעקסעקיג שטיבל, פון אַזאַ „קובאַ", האָט דער תנא ר' מאיר מעגלעך אַרויסגענומען זיין שוועגערן?

און הינטער דעם געסל האָט דער נילוס געשוואַנקען זיין ליימיק וואַ־סער. זעגל־שיפלעך האָבן זיך געוויגט. די זון האָט געברענט. און דער בלויער הימל האָט זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעשפיגלט אין דעם ליי־מיקן, שליימיקן טייך. באַרוועסע אַרבעטער, אָפּגעשליסענע, געבויגענע, ווי די קעמלען, זענען געלאָפן איבער די הייסע שטיינער. זיי האָבן גע־שלעפט משא, זענען געפאַלן פון די כוחות און האָבן ווייטער־געשלעפּט. אויפזעער האָבן געהויבן די יאַמשענע שטעקענס, געטריבן די לאַסט־אַרבעטער.

## 3. וואָס איז יידישקייט?

די „פּאַטריאַ" האָט זיך דערנענטערט קיין יפו.

ס'איז געווען שבת.

דער נאָכמיטאָג, אַ זוניקער, האָט זיך געצייטיקט אינעם שטילן ים, האָט זיך געצייטיקט אינעם הימל, וואָס האָט געבלענדט מיט ווייטע בליצן. די דורכזיכטיקע לופט, וואָס האָט געאָטעמט מיט רייפע פלאַנצן, האָט אַ רוק געטאָן די ווייט אין ים אַריין, זי דערנענטערט, און די שטאָט יפו, וואָס האָט זיך געבערגלט, אַ קאָפּל איבער אַ קאָפּל, האָט זיך אַרויס־געשיילט. בלויז דער מענטש איז געבליבן אומרואיק. און איבערן מענטש — מעוועס. אין די הונדערטער, אין די טויזנטער. די פייגל האָבן זיך גערעדלט, געטוקט, אויפגעריסן די רואיקייט מיט געפלאַטער, מיט געגודער.

פון די צעעפנטע טירן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּאַסאַזשירן. זיי האָבן זיך צעשטעלט אַרום די שיף־פּאַרענטשעס, געקוקט אין דער ווייט:

— וואָס, יפו? איז דאָס טאַקע יפו?

— און וואָס איז דאָרט?

— תל־אביב?

ס'איז אָנגעקומען אַ פּאָרל.

— האַלאָ מיסטער „נעש!

## צווישן ימען און לענדער

— האַלאָ, עטל!

די עלעגאַנטע עטל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט נעש'ן. זי איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ יונגען פראַנצויזישן אָפיצער, געגאַנגען אָפּשליסן אַ ליבע, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער רייזע פון מאַרסעל קיין יפו.

ווי די שיף איז אָפּגעשוואומען פון מאַרסעל האָט עטל פאַרזיכערט נעש'ן, אַז זי קען אים פון ניו־יאָרק. זיי האָבן זיך דעמאָלט און דעמאָלט באַגעגנט אין דעם הויז, דעמאָלט און דעמאָלט — אין יענעם הויז. זי האָט איבערגעגעבן אַזוינע איינצלהייטן, אַז נעש אַליין האָט אָנגעהויבן צו גלייבן, דאָס ער האָט זיך טאַקע מיט איר געטראָפן. עטל איז געווען אַ געענדיקטע לערערין. זי האָט אָבער קיין שטעל נישט געהאַט. צייטוויליג איז זי געווען פאַרבונדן מיט אַ רייכן ניו־יאָרקער טעמפּל, וואו זי האָט געלערנט מיט קינדער יידישע רעליגיע און „היברו". בלויז צייט־ווייליק. דאָס איז שוין איר צווייטע רייזע קיין ארץ־ישראל. תל־אביב? זי וועט זיך אפילו נישט אָפּשטעלן אין דעם אויפגעקומענעם תל־אביב, דעם ארץ־ישראל'דיקן בראָנזוויל. זי פאָרט גלייך קיין ירושלים. וועמען זי קען דאָרט? אפילו דעם „היי־קאָמישענער". זי פאָרט זיך פאַרשרייבן אינעם ירושלים'ער אוניווערסיטעט, וועט אָפּנעמען סעמיטישע שפּראַכן. יאָ, מיסטער נעש, אַז איר וועט זיין אין ירושלים פאַרפאָרט צו מיס פילד. איר וועט דאָרט באַגעגענען „אונדזער" ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען דעם ערשטן טאָג פון דער רייזע. פאַר די זעקס טעג האָט נעש עטל'ען כמעט ווי נישט געזען. זי האָט פאַרבראַכט אין ערשטן קלאַס מיטן קאַפּיטאַן, מיט די אָפיצערן, זיך נישט געוויזן צווישן יידן.

נעש האָט נאָכגעקוקט ס'פאַרל.

פון אַ ווינקל האָבן זיך אַרויסגערוקט דריי פּוילישע גלחים אין שוואַרצע, פאַרקנעפּלטע טענדע־ווערענדעס. נאָך זיי — אַ האַלב טוץ נאָנעס אין ווייסע, לויזע קליידער. אין די הענט — שנורן פּאַטשערקעס. אַרום די העלדזער — ווייסע געקאַרבירטע פּריזעס. די נאָנעס האָבן זיך געטראָגן, ווי ווינט־מילן. די גלחים האָבן זיך אין מיטן דעק אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. הינטער זיי — די נאָנעס. מען האָט זיך שטיל און קלויסטערדיק צעזונגען, באַגריסט די ערד, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם דערלייזער.

ס'איז אויסגעוואָקסן אַ רעדל יידן. איינער פונעם רעדל האָט זיך

מיט אמאָל א ריס געטאָן מיט אזא רוגזה, ווי מען וואָלט אים צונגע־האַלטן, נישט געלאָזט אוועקגיין. דער איינער האָט זיך צעבייזערט: —

— וואָס איז דאָ דאָ זיך איינצוהערן? געהערט זיי בלעקעצן, גע־הערט!

אין מיטן קניען האָט איינער פון די גלחים, א באַלייבטער, זיך אויפגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו א יונגעמאַן, וואָס האָט געווי־כערט און די אויגן נישט אראָפּגעלאָזט פון דער קליינער פּראָצעסיע. דער גלח האָט פּאַטערלעך א זאָג געטאָן צום יונגעמאַן:

— איר זענט דאָך א ייד, א ייד וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל. און א ייד דאַרף נישט רייכערן אום שבת, ווען די שיף דערנענטערט זיך צום הייליקן־לאַנד.

— וואָס זאָגט ער, דער כומר? — האָט דער פאַרשוין אינעם שוואַרצן רבנ׳ישן קאַפּעלוש זיך אונטערגערוקט — ווײַ צו די אויערן, אז א כומר דאַרף שוין מוסר׳ן א ייד ער זאָל אום שבת נישט רייכערן.

— פאָלגט זיי נישט, די פלעדערמייז! — האָט א חלוץ צוגעגעבן דעם יונגעמאַן קוראַזש.

דער יונגערמאַן האָט א קוק געטאָן אויפן חלוץ, דערנאָך אויפן גלח, דערנאָך אויפן ראַבאַי פון גאַנץ גלול־העליון. ער האָט זיך פאַר־לוירן און אריינגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס אין ים אריין.

נעש האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט זיך גע־טראָגן פון איין דעק אויפן צווייטן. ס׳האָט אים געטריבן פון די פראַנק־פורטער יונגעלייט אין קאַפּעלעך און אַן קאַפּעלעך, וואָס האָבן זיך גע־שאַרט ארום דעם רב־הכולל פון די אָרטאָדאָקסישע יידן אין ענגלאַנד. ס׳האָט אים געטריבן פון די פראַנקפורטער מיידן — שוואַרצע, בלאָנדע, רויטע — וואָס זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון די מאַנצבילן, האָבן גע־דאַווענט דריי מאָל א טאָג און, ווי דערמעקסטיווס, נאָכגעשפּירט די כשר׳ע קיך, געהאַלטן אין איין האָבן טענות צום משגיח. ס׳האָט אים געטריבן פון די עטעלס — די עלעגאַנטע קעבסווייבער, די בירוניקוס, וואָס מיר שטעלן צו אלע לענדער, אלע דורות.

נעש איז פאַרקראָכן צו די רעטונג־שיפלעך. ער האָט זיך געוואָלט קלאָר מאַכן פון וואַנען ס׳נעמט זיך צו אים אזא אומרו. פּונקט אזא אומרו האָט ער געהאַט איבערגעלעבט באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה, ווען ער איז פון ניו־יאָרק קריקגעפאָרן אינעם פּוילישן שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

ער האָט זיך איינגעהערט. דאָס געזאַנג פון די נאָנעס, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטילער, האָט זיך אויסגעמישט מיט דער „התקוה“, וואָס די פראַנקפורטער האָבן פאַרצויגן. אויף דער צווישן־דעק האָט מען גע־טאַנצט די „האָרא“, געטאַנצט און געזונגען. דאָס געזאַנג איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער, דער טאַנץ — ראַש און ראַשער. און מיט אַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ געשאַל, ווי אַ מלחמה־רוף, וואָס האָט פאַרהילכט די „האָרא“, פאַרהילכט דאָס געוואָרקעריי פון די מעוועס. דאָס האָבן חלוצים פון פוילן געזונגען, ווער מיט דער ספרד׳ישער חברה, ווער אין יידיש, דעם אינטערנאַציאָנאַל.

רייכע יידן פון ערשטן קלאַס, פאַרמעגלעכע יידן פון טוריסטן קלאַס, האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער די פאַרענטשעס, געקוקט צום דריטן קלאַס, וואו די שיף האָט מיט איר שטאָלענער „נאָז“ געשניטן דעם ים. פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן דער אינטערנאַציאָנאַל. די רייכע יידן האָבן זיך איבערגעקוקט. און זייערע בליקן, נישט זיכערע, האָבן מיט ביטול זיך געשאַרט איבער די חלוצים:

— גיי בוי מיט זיי ארץ־ישראל.

נעש איז אַראָפּ אויף דער דעק פונעם דריטן קלאַס. ער איז אַריין צווישן די חלוצים און האָט גענומען מיטזינגען. דער טאָג האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. אַלץ אַרום איז געוואָרן בלויער — דער הימל, די לופט. און דער ים איז געוואָרן אַזוי בלוי, ווי מען וואָלט אים אָפּגע־מאָלט. נעש האָט זיך צערעדט. אַרבעטער האָבן זיך גענומען קלייבן אַרום אים אין אַ רעדל. פונעם רעדל איז געוואָרן אַ ראָד. טייל האָבן זיך צוגעהערט, וואָס נעש רעדט, אַנדערע, פאַרגאַפּטע, האָבן געקוקט אין ים אַריין:

— און וואו איז ארץ־ישראל?

— אָט, דאָרט.

דאָרט?

אַ טאַטע מיט אַ זון האָבן זיך צעקושט. אַ באַלייבטע יידענע איז געגאַנגען פון איין רעדל צום צווייטן — „איר הערט יידן, מיר זאָלן שוין מער פון קיין צרות נישט וויסן“. דאָ און דאָרט האָט אַ פּאָרל אַוועקגערעדלט איבערן דעק, ווי ס׳וואָלט קיין שרעק נישט געווען פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, ווי ס׳וואָלט קיין שרעק נישט געווען פאַרן נייעם לאַנד, וואו אַלץ האָט אויסגעזען, ווי אַ חלום. און אין דער סאָמער גילדינער

מיט, ווען דער עולם איז געשטאַנען אַ צעגאַרטעלטער, איז אַ ייִד אַרויס מיט אַ ירגזון:

— אין תל־אביב וואָלט אַזאַ עוכר־ישראל ביי מיר געכאַפּט פּעטש! רייכערט אום שבת! און בפרהסיא! איז אַ חדוש, וואָס אַ „שומר־שבת" וועט ענדער צונעמען אַן אַראַבער צו דער אַרבעט, איידער אַזאַ פּושע ישראל, וואָס לאַכט פון ייִדישקייט?

— חבר נעש — איז אַן אַרבעטער מיט אַ לאַכעדיק פּנים אַריין נעש'ן אין די רייד — קענט איר אונדז אפשר זאָגן וואָס איז אַזוינס ייִדישקייט?

נעש, וואָס האָט נישט דערוואַרט אַזאַ פראַגע, האָט זיך אויפן אָרט פאַרלוירן. זיינע אויגן, טיפע, טונקעלע, האָבן געבלאַנדזשעט אין דער בלויקייט. איז עס געווען הימל? איז עס געווען ים? ווער ווייס? און איידער ער האָט קריקגעכאַפּט דעם פאָדעם, האָט זיך ווייט הינטער אים גענומען פּלאָנטערן — „ווער ווייס, מעגלעך, אַז מיט אַ צוויי טויזנט יאָר קריק האָט טיטוס מיטן זעלבן וועג געשיקט קיין רוים די באַזיגטע העלדן פונעם צווייטן חורבן".

און נעש האָט זיך צערעדט. ער האָט אָנגעהויבן ערגיץ אין אַ מיט, אָנגעהויבן אויפן קול און מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי די אַרומיקע וואָלטן געוואוסט, וואָס ס'האָט זיך אים נאָר וואָס געפּלאָנטערט.

— וואָס הייסט, מעגלעך? — האָט נעש אַליין זיך געפּריוועט אַי־בערשרייען און בשעת מעשה זיך אַזאַ צי געטאָן, אַז ער איז געוואָרן העכער — נישט מעגלעך, נאָר גאַנץ געוויס זענען מיטן זעלבן וועג גע־פאָרן שמעון בר־גיורא און יוחנן פון גוש־חלב, געפאָרן געשמידטע אין קייטן, געפאָרן קיין רוים, וואו זיי האָבן געדאַרפט אומקומען פון אויס־געהונגערטע, צעררייצטע לייבן. ס'פאָלק איז געווען צעשלאָגן, די הויט־השדרה צעשניטן און אין גאַנצן אַזאַ פּיין — וואָס וועט ווערן פונעם ייִדישן פאָלק? אָט־דער „וואָס וועט ווערן" לאָזט אונדז נישט אָפּ ביז דעם הייַנטיקן טאָג, טראָגט זיך מיט אונדז צווישן ים'ן און אָקעאַנען. איך אַליין, חברים, האָב זיך באַגעגנט מיט דעם נאַקעטן געדאַנק אויג אויף אויג. ס'איז געווען נאָך דער מלחמה. כ'בין אַהיימגעפאָרן פון אַמעריקע קיין פּוילן. ס'איז געווען אויף דער אַקוויטאַניע. כ'בין גע־שטאַנען אויף דער העכסטער דעק, געשטאַנען לעבן פּאַרענטש און כ'האָב געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך בלויז געהערט, ווי די שיף שניידט ס'וואַסער. דער הימל, אָנגעפּיקעוועט

מיט שטערן איז געהאנגען נידעריק. אָרום מיר — די אומענדלעכקייט. איך אַליין — אַזוי קליין, אַ שטויבעלע. אַ שטערן האָט אַ שאָס געטאָן. אַ צווייטער איז אים געקומען אַנטקעגן. נישט צוויי שטערן האָבן זיך באַגעגנט, נאָר צוויי מחשבות. מיינע אַ מחשבה און מיין פאָטערס, וואָס האָט מיט דרייסיק יאָר קריק דאָ אין מיטן ים, צווישן שערבורג און ניו־יאָרק, געטראַכט — וואָס איז אַזוינס יידישקייט? דרייסיק יאָר ווי די מחשבה האָט געוואָגלט אין מיטן ים און מיט אַמאָל האָבן טאַטע־זון, שטיקלעך פון איין המשך, זיך באַגעגנט, זיך געפרעגט:

— וואָס איז יידישקייט?

— איז עס רבינו בחיי'ס „חובת הלבבות", וואו ס'ווערט נישט דערמאָנט נישט ציון, נישט ירושלים? וואו מען איז קעגן דעם ארץ־ישראל'דיקן ישוב? אָנשטאָט ייד — מענטש. אָנשטאָט יידן און ארץ־ישראל — פעלקער און לענדער. רבינו בחיי האָט אוועקגעשטעלט אינעם מזרח דעם „אדם העליון", דעם איבער־מענטש. און דער המון? דער המון איז ביי אים גאַרנישט, בהמות ממש. ווי קומט עס טאַטע, וואָס דער „חובת הלבבות" האָט אַזוי אָנגעריסן ביים המון?

— וואָס איז יידישקייט?

— הלוי'ס „כוזרי", וואו דער „אדם העליון" איז נישט משה, נאָר דער המון. אַלץ איז דער המון, דער יידישער המון. און וויל מען, אַז דער יידישער המון זאָל ווערן „נצח ישראל", דאַרף מען אַ ריינע ראַסע, דאַרף מען ארץ־ישראל.

— וואָס איז יידישקייט?

— דער רמב"ם, שפּינאָזע, שמואל דוד לוצאַטו? צי אפשר גאָר משה העם, מאַרקס, יצחק לייב פּרץ?

ווי נעש האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן, האָט ער דערפילט אויף זיך אַ האַנט. ער האָט זיך אומגעקוקט. לעבן אים איז געשטאַנען דער רב־הכולל פון די אָרטאָדאָקסישע יידן אין ענגלאַנד — אַ הויכער באַ־ליבטער פאַרשוין, מיט אַ שיטער גרוי בערדל, ווי ביי אַ כינעזער, מיט מאַנגאָלישע אויגן. הינטער אים — די פראַנקפורטער יונגעלייט אין די קאַפּעלעך. דער רב האָט גערעדט מיט אַ ליטווישער שין:

— גיי שאַץ אָפּ אַ יידישע נשמה. ביים „כשר טעבל" זע איך אייך נישט, מן הסתם אַ „סאָשעליסט". וועגן ר' בחיי'ן און ר' יהודה הלוי'ן דאַרף מען אויך אַזוי נישט רעדן. אָדער וואָס ס'איז מיר יאָ געפעלן איז דער רעיון וועגן שמעון בר־גיורא. דאָ דאַרף טאַטע זיין

דער וועג — האָט דער רב־הכולל געוויזן מיט דער האַנט אויפן ים און זיך געווענדט צו די דייטשן — הא, וואָס זאָגט איר?

— יאָ, יאָ, הער ראַבינער, גאַנץ וואַרשיינלעך.

דער אַרבעטער מיטן לאַכעדיקן פּנים האָט זיך אַ בויג געטאָן צו נעש׳ן:

— וואָס טויג דער גאַנצער פּלפּול, חבר נעש? דעם רב׳ס יידישקייט איז נישט מיין יידישקייט. אַלץ וואָס איז פּראָדוקטיוו און געזונט לעבן — דאָס איז מיין יידישקייט. מעג עס זיין אַ „קבוצה" אין ארץ־ישראל, מעג עס זיין אַ יידישער קאָלכאָז אין בירא־בידזשאַן, צי אפילו אין קרים.

די „פּאַטריאַ" איז מיט אַמאָל געבליבן שטיין. דער וועג, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער שיף צום ברעג, איז פול געוואָרן מיט סקאָלעס. דער שטילער ים האָט גענומען שלאָגן וואַלן, געקייקעלט גרינלעכע כוואַליעס. און דער געפּאַקטער עולם — יונג און אַלט — וואָס איז געשטאַנען פאַרגאַפט, געשטאַנען אַזוי, גלייך ער וואָלט קיין אָרט נישט פאַרנומען, דער עולם האָט געעפנט מויל און אויגן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ נס.

אַ מאָטאָר־שיפל מיט אַן ענגלישן פאָן האָט מיט אַ געוואַלד־דריס געשניטן דעם ים, זיך דערנענטערט צו דער „פּאַטריאַ".

* * *

צומאָרגנס האָט נעש זיך געטראָגן אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל איבערן „עמק". מיט אים איז מיטגעפאָרן זיינס אַ חבר, דער בעלעטעריסט נאַרקיס, וואָס האָט שוין יאָרן געוואוינט אין תל־אביב.

## 4. עין־חרוד

צווישן די בערג האָט דער אָוונט גענומען פּרי צופאַלן. רעכטס — די שטיינערנע גלבוע־בערג — נאַקעטע, פליכעוואַטע. אַ באַרג איבער אַ באַרג. לינקס — יונגע פּאָמעראַנצן פעלדער, עלטערע איילבירטן פעלדער, וואו די קנאָביקע ביימער, ברייטער ווי העכער, האָבן אויסגעזען, ווי פּאַרוואַקסענע ארץ־ישראל יידן. באַרג אַראָפּ אין טאָל, איז ס׳לאַנד געווען צעשניטן אין קוואַדראַטן, אין דרייעקן — ווייץ, גערשטן, קוקורוזע. און צווישן די תבואה־פעלדער — אויסשיטן — ליימיקע, זאַמדיקע, שטייניקע — אויסשיטן, ווי אַ צרעת, אויסשיטן, ווי אַ געשווילעכץ.

מיט די פעלדער זענען אנגעקומען קעמלען מיט סטויגן תבואה. איין קעמל נאכן אנדערן. די לאנגע פיס האבן זיך געוויגט, די העלדזער האבן זיך געוויגט, די סטויגן תבואה האבן זיך געוויגט, ווי אין דעם בלויען פארנאכט וואלטן זיך נישט געטראגן קיין קעמלען, נאר אויסטערלישע שיפן. דער אראבער, וואס איז געזעסן אויפן ערשטן קעמל, איז זיך פארגאנגען אין א איכה־ניגון, וואס איז געווען אי ווילד, אי טרויעריק.

דער אראבער האט מיטאמאל אויפגעהערט זינגען. די קעמלען זענען געבליבן שטיין, האבן העכער פארריסן די העלדזער און די קעפ, טרויעריקע, פארשאלטענע, האבן זיך איינגעהערט, געבליקט מיט חדוש, מיט שרעק.

א „קאמבינאט”, — פינקלדיק שטאל און אייזן, — וואס האט געשניטן די תבואה, זי געדרעשט, צונויפגענומען דאס שטרוי אין בינטלעך — האט זיך געשארט איבערן פעלד מיט א קלינגעריי, מיט א סאפעריי. אן ארבעטער, קליין און דאר, מיט א שטרויענעם, ברייט־ראנדיקן קאפעלוש איבער די אויגן, איז געזעסן אויף דער קעלניע מיט אזא מינע, ווי נישט די מאשין וואלט געשניטן, געדרעשט, געבונדן, נאר ער, דער ארבעטער.

איבער די פעלדער, איבער די קעמלען, איבער דער דרעש־מאשין, זענען ווייסע שטיבלעך געווען אויסגעשטעלט, ווי אויף א שאך־ברעט.

דאס זענען נעש מיט נארקיסן ארייגעפארן אין דער קבוצה עין־חרוד. דער פארנאכטיקער הימל איז געווען בלוי, די לופט איז געווען בלוי און דארט וואו די זון האט זיך געזעצט, האבן פאסן הימל אויפגעפלאמט.

ארום דער עלעקטרישער מיל, וואס האט געברויזשט, ווי א וואסערפאל, האבן אראבער געלאדנט זעקלעך מעל אויף אייזלעך. דאס האט א שכנ׳יש אראביש דארף געמאלן תבואה אין עין־חרוד׳ער מיל. דאס מיל־געברויז האט נאך טיפער געמאכט די ארומיקע שטילקייט. דאס איז נישט געווען די שטילקייט, וואס קומט מיט דער נאכט, מיטן שלאף. דאס איז געווען די שטילקייט וואס קומט צווישן איין דונער און דעם צווייטן. נאך דער מיל — א סטאלעריי, א שלאסעריי, וואס האבן נישט בלויז געארבעט פאר עין־חרוד, נאר אויך גענומען באשטעלונגען פון ירושלים, פון תל־אביב.

איבערן שליאך, וואס האט זיך געהויבן העכער און העכער —

אַ סטאַרע קי. געוויקסיקע, ברייטע. אויסלענדישע קי מיט גלאַנציקע פעל זענען געלעגן אינם זון־פאַרגאַנג, ווי אויסגעמאָלענע. בלויז די בויגיקע וויידלען האָבן זיך געהויבן, ווי בייטשן, זיך געשמיסן איבער די זייטן און אָפּגעיאָגט די פליגן.

ס׳איז אונטערגעקומען אַ חבר מיט אַ ברייטן, הארציקן „שאַלאָם" און מיט הענט אויסגעשמירטע, מיט הענט, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געגראָבן אין דער ערד. ער האָט אָנגעהויבן אין העברעאיש, באַלד זיך געכאַפּט אַז צוליב געש׳ן דאַרף מען איבערגיין אין יידיש:

— גוט וואָס איר זענט געקומען. ווי לאַנג רעכנט איר צו בלייבן ביי אונדז?

— איבער נאַכט, חבר מנוח — האָט נאַרקים געענטפערט.

— דאָס איז ווייניק. בלייבט מיט אונדז אַ צוויי, דריי טעג. איר ווייסט גאָר וואָס? בלייבט מיט אונדז אַ חודש, צוויי,דריי. באַזעצט זיך גאָר ביי אונדז! יידישע שרייבער באַ׳עוולה׳נען די קבוצה, ס׳דאַרף. וואָס ציט אייך אַזוי אין שטאָט אַריין? וואָס וועט איר פאַרשפּעטיקן אין תל־אביב? דאָס קלאַפּעריי פון „גזז"*) מאַשינקעס? די אויפגעשרויפטע שפּעקולאַציע? אַ שרפה אויף זיי דאָרט!

ס׳איז אונטערגעקומען אַ באַוואַקסענער פאַרשוין. די לאַנגע, שוואַרצע באָרד איז זיך צונויפגעוואַקסן מיט די נאָך לענגערע און שוואַרצערע האָר פון קאָפּ.

— באַקענט אייך — האָט מנוח אונדז פאָרגעשטעלט — דאָס איז אונדזער שוסטער.

דער שוסטער, וואָס האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ נזיר־פילאָזאָף, האָט זיך שטאַרק געאיילט:

— איר וועט מיר מוחל זיין. איך וויל נאָר אויף אַ רגע־לע אַריינלויפן אין בית-תינוקות, אַ קוש טאָן פאַרן שלאָפן גיין מיין דריי יעריק טעכטערל. איר וועט מיר מוחל זיין.

ווי איר זעט — האָט מנוח זיך געלאָזט מיט די געסט צום עסצימער — איז ביי אונדז אַן אמת׳ע קאָמונע. אַנטווינט מען אַ קינד פון דער ברוסט, נעמט מען עס גלייך אַרוים פון דער מוטערס רשות. קינדער זענען ביי אונדז אויפן ערשטן פּלאַן. אונדזערע שענסטע און באַקוועמסטע געביידעס זענען די קינדער־היימען. ס׳קליינוואַרג האָט אַלץ, קריגט

*) גזז — סאָדעוואַסער.

אַלץ. ווי שפּעט איז אַצינד? — האָט מנוח אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־געלענק, וואו אַ זייגערל איז געווען צוגעשנאַלט — שוין זיבן? נאָך אַ שעה צום נאַכט־עסן. די קבוצה — אַ פינף הונדערט פאַרשוין — עסן אַלע אינאיינעם. מיר וועלן אייך נאָך ווייזן אונדזערע בין־שטאָקן, אונדזערע טרויבן, אונדזערע אָראַנזשערעען. איך וועל אייך דערוויַיל איבערגעבן אין די הענט אַריין פון אָט־דעם חבר — האָט ער געוויזן אויף אַ געוויקסיקן בחור, וואָס איז אָנגעקומען פון די קי־שטאָלן — און איר חבר נאַרקיס, איר קענט דאָך שוין די קבוצה. בעת איך וועל פאַר אייך צוגרייטן אַ נאַכט־לאַגער, וועל איך מיט אייך איבער־שמועסן אַן ענין. קומט מיט מיר, חבר נאַרקיס.

וואו אַ דריי מיטן קאָפּ — אַרבעטער, אַרבעטאַרינס. מען איז אָנ־געקומען פון די פעלדער, פון די גערטנער, פון די שטאַלן, פון די היי־זער. דאָס שלאָסעריי, דאָס סטאָלעריי, די מיל — אַלץ האָט זיך אָפּגע־שטעלט. דער טראָט — אַ שווערער, אַ מידער. דער קאָפּ געבויגן. אויף די פּנים׳ער, אויף די גלידער — אַ טאָג שווערע פּראַצע. בלויז פון די אָראַנזשערעען, וואו יונגוואַרג האָט געשטיפט, האָט זיך געקייקלט גע־לעכטער.

— וואָס ווייזט מען אייך אַזוי שפּעט? — האָט האַראַרי אַ נעם גע־טאָן נעש׳ן פאַר אַ האַנט — כ׳וועל אייך גאָר אַרויפפירן אויפן דאָך פון־נעם עס־צימער, וועט איר אַ קוק טאָן אויף אונדזערע גלבוע־בערג.

האַראַרי האָט גערעדט יידיש, ווי אַ גוי. ער האָט נעש׳ן דערציילט, אַז אין דער קבוצה איז ער אָנגעקומען אַ צוועלף יעריק יינגל. פון וואַנען ער קומט? פון די אַלטע כּערסאָנער קאָלאָניעס, פון קרים, פון דער גאַנ־צער וועלט. און די גאַנצע וועלט איז ביי אים — חוץ־לאָרץ. נאָר דאָ איז ארץ־ישראל. און נישט אַזוי ארץ־ישראל, ווי טאַקע עין־חרוד, ווי די גלבוע־בערג. דאָס איז זיין היים, זיין פאָטערלאַנד, דאָס איז די לופט, וואָס האַראַרי אָטעמט.

נעש האָט אים געפרעגט:

— און דאָס לעבן אין דער קבוצה, וואו דאָס יחיד׳ישע, דאָס אינ־דיווידועלע אינעם מענטש ווערט פאַרווישט, מוז פאַרווישט ווערן צוליב דעם קאָלעקטיוו — אַזאַ לעבן ווערט נישט דערעסן?

— וואָס רעדט איר? — האָבן די גרויע אויגן ביי האַראַרי׳ן זיך אַ צינד געטאָן—בלויז דורכן קאָלעקטיוו קאָן ערשט דער יחיד זיך אויס־לעבן.

— אויב אַזוי — האָט נעש אים ווייטער געפרעגט — פאַרוואָס דערציילט ס׳בית־עולם פון דער שכנ׳ישער קבוצה גאָר עפּעס אַנדערש? דער און דער האָט זיך גענומען ס׳לעבן, דער און דער איז דערטרונקען געוואָרן אין ירדן, די און די — אינעם ים־כנרת.

— און איר האָט געמיינט, אַז ס׳לעבן אין אַ קבוצה איז אַ שפּיל?

— האָט דער בחור זיך אַ צי געטאָן איבער נעש׳ן — און איר האָט גע־מיינט, אַז ס׳איז גענוג אַ שפּרוך און פון שטיינער וועט וואַקסן תבואה? אָן יסורים איז נישטאָ קיין אַרבעט, קיין פּראַצע. בלויז שווינדל איז אָן יסורים. און יסורים קאָן מען נישט איבערגעבן. ווען מען וואָלט גע־קאָנט איבערגעבן יסורים, וואָלט קיין פּראַצע נישט געווען. דעריבער אַזויפיל קרבנות. די שוואַכע גייען אַוועק און די שטאַרקע בלייבן.

די שטיינערנע גלבוע־בערג זענען מער נישט געווען נאַקעט. שאָטנס, ווי שוואַרצער סאַמעט, האָבן זיך געקנייטשט איבער די בערג, וואו דער הימל איז געווען טונקל בלוי. הימל, באַרג, טאָל — אַלץ האָט זיך גע-רוקט, אַלץ האָט זיך דערנענטערט, איינגעשלונגען די ווייטקייט און ס׳אויג האָט מיט רחבת געקוקט אויף מיילן. די זון איז געשטאַנען אין פלאַמען און קעגנאיבער האָט געשמייכלט די לבנה, ווי זי וואָלט נישט אונטערגעגאַנגען, ווי זי וואָלט געבליבן שטיין פון נעכטן.

האַראַרי איז מיט נעש׳ן אַראָפּ פון דאַך. ס׳איז אָנגעריטן אַ „שומר" מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. דאָס איז ער אַרויסגעריטן אויף אַ גאַנצער נאַכט, געהיט אַז בעדואינער, צי שכנ׳ישע אַראַבער זאָלן נישט באַפאַלן די יידישע פעלדער. האַראַרי האָט זיך מיטן שומר צערעדט אויף אַ ספרד׳ישן העברעאיש. נעש האָט געקוקט אויפן שומר, וואָס איז געזעסן אויפן פערד, ווי אַ ווירע. די געדיכטע האָר — שוואַרץ, די וואַנ־סעלעך — שוואַרץ, די אויגן — קוילן. אַזוי האָט געדאַרפט אויסזען לערמאָנטאָוו׳ס העלד: „פּעטשאָרין". נעש׳עם אויער, אַ נישט געניטס, האָט קוים געכאַפּט וואָס זיי רעדן. ער האָט זיי געפרעגט:

— מיט אַן אמת, איר ווילט מיר טאַקע זאָגן, אַז אייער שפּראַך איז העברעאיש?

האַראַרי האָט זיך פאַרטראַכט. דער שומר האָט זיך אַ צי געטאָן אויף די זאָטל־טרעטערס און אָנגעהויבן:

— בייטאָג רעדן פון מיר אַרויס אי יידיש, אי רוסיש. ביינאַכט אָבער, ווען כ׳רייט אַרויס — האָט דער שומר געוויזן מיט דער האַנט אויף די בערג — ביינאַכט, אונטער מיר ס׳פערד, אין דער האַנט אַ ביקס

און די נאַכט איז אַ פינצטערע — דערמאָלט רעדן צו מיר די גלבוע־בערג העברעאיש. יעדע הייל, יעדער שטיין, יעדער שפּאַלט — באַקומען ביי מיר לשון. אַט ־איז גדעון מיט זיין מחנה פון צוויי־און־צוואַנציק טויזנט. די שרעקעדיקע שיקט ער אַוועק און גדעון בלייבט מיט צען טויזנט. די מחנה לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל אריין צו די קוואַלן, טאַקע צו אונדזערע קוואַלן אין עין־חרוד. אַנדערע קניען און טרינקען, אַנדערע בלעקן אַרויס די צונגען, טרינקען ווי הינט. מיט זיי, מיט די דריי הונדערט, וואָס האָבן געלעקט ס׳קוואַל־וואַסער, האָט גדעון צעשלאָגן די מדינים. און אַט־איז יונתן. און אַט וואַרפט זיך שאול אויף זיין שאַרפער שווערד. טאַ ווי, פרעג איך אייך, דאַרפן די בערג צו מיר רעדן? און זיי רעדן, אוי רעדן זיי, ווען איך רייט אין דער פינצטערער נאַכט איינער אַליין מיט אַ ביקס אין דער האַנט.

דער שומר האָט אַ שפּאַרע געטאָן ס׳פערד, אַוועקגעפּאַטשט. נעש האָט געהאַט ס׳געפיל, ווי נישט דער שומר, נאָר „פּעטשאָרין” האָט אַוועקגעפּאַטשט און עפּעס פון נעש׳ן מיטגעריסן.

וואָס?

ס׳איז אונטערגעקומען מנוח. זיינע הענט זענען נאָך אַלץ געווען אויסגעשמירט מיט ערד. אין די אויגן אַזאַ פרייד, אַזאַ טיפע פרייד, ווען מענטש, חיה, ערד גייען אויף אין יסורים, גייען אויף אין פראַצע, גייען אויף אין געבוירן. ער האָט אַ נעם געטאָן נעשן אונטער אַ האַנט:

— מיר וועלן גיין עסן אַ קאָלעקטיווע וועטשערע.

---

אַרום האַלבע נאַכט איז נעש געבליבן איינער אַליין. ער איז געשטאַנען אין אַן אָפן פענצטער, האָט נאָכגעקוקט מנוח׳ן, וואָס האָט זיך געשאַרט מיט אַ שמאָל וועגל, איז אַריין אין אַ לבנה־טויער. פון יענער זייט לבנה־טויער האָט זיך ערגיץ אַן אייזל צעשריגן, אויפגעטרייסלט פאַר אַ וויל די נאַכטיקע שטילקייט און ס׳איז נאָך שטילער געוואָרן. די נאַכט, אַ ליכטיקע, וואָס האָט זיך געוויקעלט אין פעלדער, אין פרדסים, האָט אָנגעהויבן סאַפּן מיט ריחות, מיט פאַרשטיקטע קולות, מיט ווייטע טריט.

דער אָוונט, וואָס נעש האָט פאַרבראַכט אין עס־צימער פון דער קבוצה, איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן. פּנים׳ער ליכטיקע, פּנים׳ער טרויעריקע. הענט שווערע, הענט אָפּגעאַרבעטע. די פאַרבענקטע אויגן — ווינטן און חמימות. וואו איז אָבער אהינגעקומען די פרייד, וואָס

איז אין נעש'ן אויפגעגאַנגען אַ גאַנצן אָוונט? וואו איז די פרייד פון אַ יידיש דאָרף, פון אַ יידישער קאָמונע? האָט דאָך אַ דיכטער גערעדט וועגן נעש'ן אין העברעאיש? האָט דאָך נעש געלייענט דערציילונגען אין יידיש? דערנאָך רייד — וואַרעמע, האַרציקע. און צווישן די רייד פּאַטערלעכע טענות, — צייט, לאַנג צייט, נעש זאָל אויך נעמען שרייבן העברעאיש".

פון די פעלדער, פון די פּרדסים, זענען אַנגעלאָפן קילע ווינטלעך, האָבן מיטגעבראַכט טרויער — טרויער פאַרן אייגענעם לעבן, פאַר דער אייגענער פּראָצע, פאַרן אייגענעם לשון.

ס'איז מיט אַמאָל קיל געוואָרן.

נעש האָט צוגעמאַכט ס'פענצטער. ער האָט געקוקט אויפן איי־זערן בעטל, אויף די פּאַליצעס ביכער, אויף די צעוואָרפענע זשורנאַלן, אויף ד י רעפּראָדוקציעס, וואָס זענען געהאַנגען אויף די ווענט. ער האָט זיך גע'חדוש'ט. זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט אַ קבוצ'ניקעס דירה. דאָ אינעם צימער איז אים אַלץ געווען באַקאַנט, אפילו דער ריח. אין אַזוינע דירות האָבן געוואוינט עקסטערניקעס אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

ס'האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. נעש האָט גע־עפנט. פריער האָט זיך באַוויזן אַ פּנים — זון און ווינט. דערנאָך — ברייטע פּלייצעס, גאָר ברייטע, אויף אַ נעוויקסיקן געשטעל. די ברוינלעכע האָר, פייכטע, האָבן געבלישטשעט.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז אַזוי שפּעט. אויב ער שטערט, אויב נעש קלייבט זיך גיין שלאָפן, גייט ער שוין אַוועק. ער איז אַ קופּער שמיד, אַרבעט נישט ווייט אין אַ וויינקעלטער. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז נעש איז געבליבן אויף נאַכט אין עין־חרוד, איז ער צוגעקומען. נעש איז אודאי מיד, וויל גיין שלאָפן, וועט ער אים בלויז דריקן די האַנט און ווינטשן אַ גוטע נאַכט.

און אַז דער קופּערשמיד האָט אַריינגעשטעקט נעש'ן אַ ברייטע, אויסגעאַרבעטע האַנט, אַ וואַרעמע האַנט, האָט נעש אַ צי געטאָן די האַנט צו זיך און גענומען פאַרזיכערן דעם יונגעמאַן, אַז ער איז נישט מיד. פאַרקערט, ער וויל גאָרנישט שלאָפן. נעש האָט אַוועקגעזעצט דעם קופּערשמיד אויף איין בענקל, זיך — אויף אַ צווייטס. ביידע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, געקוקט מיט ליבע, ווי אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין יאָרן נישט געהאַט געזען. דערנאָך האָט דער קופּערשמיד זיך פאָרגעשטעלט. ער הייסט הערש־לייב. און הערש־לייב איז דאָ אָפּ־

נעריסן־פרעמד, ווייט פון א יידישער סביבה, ווייט פון א יידיש, ממש יידיש לעבן. ער זאָגט דאָס אַלץ נישט לרע. פאַרקערט, ווייל ער האָט ליב ס׳לאַנד, האָט ער ליב יידיש, מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט ליב די זון, אַ שטאַרקע זון, וואָס וואָלט געקענט שטאַרק מאַכן און ניי מאַכן, ווען נישט די פרעמדקייט, וואָס דער פּראָסט־פּשוט׳ער אַרבעטער דער־פילט צום ציוניסט. און די ארץ־ישראל׳דיקע זון וואָלט באַגענענט ס׳יידישע וואָרט מיטן שענסטן גוט־מאָרגן. און יידן וואָלטן זיך אויס־געוואַשן מיט זון, מיט ים, מיט די בלויע בערג, אַנשטאָט מורא צו האָבן און האַלטן די צונג אָן אַ זייט, אפילו אין דער לינקער זייט. און די בערג, און דאָס זאַמד און אפילו די זיתים־ביימער וואָלטן זיך נענטער באַ־העפט, וואָלטן זיך געהאַלדזט, ווייל איינס וואָלט ס׳אַנדערע פאַרשטאַנען אָן אַ ווערטערבוך, אָדער ווי מען רופט עס דאָ — „מלון". נייע „אויס־נעגילטע" קינדער, וואָס וואַקסן דאָ מיט דער היסטאָריע פון די חשמונאים און פון בר־כוכבא און נישט מער — נישטאָ מער קיין יידישע היסטאָ־ריע — וועגן די „אויסגעגילטע" קינדער וועט מען נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן. אָדער דאָס וועט נאָך דויערן יאָרן ביז די שכרות וועט איבערגיין און די „גאונים" וועלן אויסוואַקסן. אַ גרויסער טייל איז שוין אויסגעוואַקסן און וואונדערט זיך שוין, וואָס יידן אויף דער וועלט רעדן אַזאַ מאָדנע נישט פאַרשטענדלעך לשון. און אַז זיי וועלן אויסוואַקסן וועלן יידן שוין דערזען, וואָס הייסט האָבן אַן אייגן העברעאיש לאַנד.

בשעת דער קופּערשמיד האָט גערעדט האָבן בלויז די קאַרע אויגן זיך ביי אים געצונדן. אויפן אָפּגעברענטן פּנים איז גאָרנישט געווען קענטיק. ער האָט גערעדט גיך און אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך גע־איילט איבערצוגעבן אַ שליחות. ער האָט מיט אַמאָל אין מיטן רעדן זיך אויפגעשטעלט. איבערן פּנים האָט זיך ביי אים צעלייגט אַ מינע, אַז ער האָט עפּעס פאַרשפּעטיקט, אַז ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט גיין פון דאַנען. ער האָט זיך געזעגנט. און אַז ער איז שוין געשטאַנען אין דער אָפענער טיר האָט ער צוגעגעבן:

— גלייבט מיר, נעש, אַז דאָס זענען נישט קיין צו להכעיס רייד. קענען „עברית" האָב איך גאָרנישט. וויסן זאָלט איר אָבער, אַז דער פּראָסט־פּשוט׳ער אַרבעטער בלייבט דאָ שטום. און מיט אַ שטומען קען מען אַלץ מאַכן, אַ חוץ — די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

דער קופּערשמיד איז אַוועק. ער האָט מיטגעריסן פון נעש׳ן אַ

שטיק אומרו און איבערגעלאָזט נאָך זיך שטאַרקע זון, הייסע ווינטן און א קנאָכיקן ייִדיש.

נעש האָט געשפּריַיזט איבערן צימער, געשפּריַיזט א לענגערע צייט. און אז די פיס האָבן אָנגעהויבן מיד צו ווערן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די פּאָליצעס ביכער, געזוכט מיט די אויגן, מיט די פינגער. אָט איז שפּענגלער אין דייטש. אָט העברעאיש — ביאַליק, טשערניכאָווסקי, גאָרדאָן,ברענער. אָט איז מיצקעוויטש אין פּויליש.

— און אין ייִדיש ?

## 5. טבריה

די שמאָלע, געדרייטע געסלעך זענען געלעגן אין חורבות. ארום די איינגעפאַלענע שטיבלעך — אָן דעכער, אָן ווענט — האָבן זיך גע־וואַלגערט אשכנז'ישע משפחות, ספרד'ישע משפחות. מען האָט זיי דער־קענט אינעם הילוך. די אשכנזים — געלאָקטע פּאות, רבנ'ישע קאַפּע־לושן, קאָלירטע כאַלאַטן. די ווייבער — רביצינס אין שטערנטיכלעך. די פּנימ'ער — שלאַבערדיקע, בלייכע, ווי נאָך א תענית. ס'לשון — א ווייבער, ברייטער ייִדיש. די ספרדים — טערקישע פעסקעס. פּנימ'ער — ברוינע, אָפּגעברענטע. ס'לשון — שפּאַנאָליש, אַראַביש, העברעאיש — וואָס רייסט זיך טיף פון האַלדז, מיט א כאַרכל. און ארום די חורבות, ארום די צעליגטע משפחות — קליינוואַרג און ציגן. שוואַרצע, רירעווי־דיקע ציגן אָן הערנער.

האָט מען דערטאַפּט א פּרעמדן, דערזען אָן אויסלענדער, האָט מען זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ, דערציילט וואָס פאַרא אומגליק ס'געוויסער האָט אָנגעמאַכט, וויפל נפשות ס'האָט צוגענומען. גערעדט האָבן אַלע — זיידעס, טאַטעס, מאַמעס, קינדער, — גערעדט ייִדיש, גערעדט העב־רעאיש, גערעדט שפּאַנאָליש און צומיינסטן האָבן גערעדט אויגן און הענט.

הונדערטער יאָרן וואוינען אין שכנות האָט נישט געקאָנט אויפטאָן דאָס, וואָס ס'געוויסער האָט אויפגעטאָן — דערנענטערט די אשכנזים מיט די ספרדים. מען האָט זיך אין איינעם געגראָבן אין די חורבות, ארויסגעשלעפּט דאָ א לעמפּל, דאָ א לייכטער, דאָרט א ערדענעם טאָפּ, זיך געגראָבן און גע'חלומ'ט, אז הילף וועט אָנקומען פון ניו־יאָרק, פון פּאַריז, פון וואַרשע.

ס'איז געווען אַ שטיק נאָכמיטאָג. נעש איז געגאַנגען מיט נארקיסן אינעם יידישן קוואַרטאַל, וואָס ביים ים־כנרת. דער וועג איז געווען אַ נעדרייטער — שטיינערנע טרעפּלעך, חורבות, ציגן מיסט און פליגן. און כאָטש די זון האָט געברענט האָבן די שמאָלע געסלעך געשמעקט מיט טוכלען קעלער און די לופט איז פול געווען מיט קאַלך־שטויב.

זיי זענען אַרויס צום ים־כנרת, וואָס האָט אַרויסגעשפּילט פון צווישן די חורבות אי ווי אַ פידל, אי ווי אַ פליייט, אי ווי אַ טראָמפּייט.

איז דער ים־כנרת בלוי? איז ער גרין? איז ער וויאָלעט?

ס'איז זון־אויפגאַנג, ס'איז זון־פאַרגאַנג. ס'איז פרייד און טרויער. דער טרויער פון טויזנטער יידן, וואָס וועספּאַסיאַנוסעס זעלנער האָבן דערטרונקען אינעם ים־כנרת. די פרייד פון בר־כוכבא'ס חילות, וואָס האָבן לעבן טבריה צעשלאָגן די רוימישע אַרמייען, זיך געוואָלט באַפרייען.

ס'איז אויסגעוואַקסן אַ בחור'ל מיט געקרייזלטע פּאות, אויפן קאָפּ אַ קיילעכדיק קאַפּעלושל, אַ סאַמעטענס. ס'לויזע, שוואַרצע כאַלאַטל ביז צום טריט, ווי ער וואָלט אַרויסגעטאַנצט פון אַנסקי'ס „דבוק". אויף די ליכטיקע באַקן אַ לייכטע רויטקייט. ס'בחור'ל האָט באַטראַכט די פרעמדע, זיך געקווייקלט — יאָ צוגיין, נישט צוגיין?

נעש האָט אים באַגריסט:

—שלום!

ס'בחור'ל איז געוואָרן דרייסטער. ער האָט נעש'ן אַריינגעשטעקט אַ האַנט, ר' האָט נאַרקיס'ן אַריינגעשטעקט אַ האַנט:

— שלום־עליכם!

נעש האָט געפרעגט:

— איר רעדט יידיש?

— וואָס דען זאָל איך רעדן?

— כ'האָב געמיינט איר רעדט העברעאיש.

— כ'בין דען אַ „פרענק" (ספרדישער איד), כ'בין דען אַ חלוץ, כ'זאָל רעדן העברעאיש? כ'בין דאָך אַ היגער, אַ געבוירקטיקער, און אונדזער לשון איז יידיש!

— אָבער העברעאיש פאַרשטייט איר? — האָט נאַרקיס אים געפרעגט אויף העברעאיש.

— לשון־קודש? אודאי פאַרשטיי איך.

— און רעדן קענט איר?

— ס'גייט אייך דווקא כ'זאָל רעדן לשון־קודש ? — האָבן די אויגן זיך ביים בחור'ל צעשפּילט — כ'וועל מיט אײַדנישט רעדן קיין לשון־קודש.

— און העברעאישע צייטונגען לייענט איר ? — האָט אים נאַרקים ווייטער געפרעגט.

— איר מיינט העברעאישע בלעטער ? ניין, כ'לייען נישט. ביי אונדז אין דער ישיבה הענגט פון גערער רבי א חרם און נישט בלויז פון גערער. אַלע רביים, וואָס אין ארץ־ישראל, וואָס אין חוץ־לארץ, האָבן גע'אסר'ט צו לייענען די העברעאישע בלעטער.

— פאַרוואָס האָט מען זיי גע'אסר'ט ?

— ווייל די שרייבער, וואָס שטעלן צונויף די בלעטער, זענען מחלל־שבת.

— לייענט איר גאָר קיין בלעטער נישט ?

— מיר לייענען די יידישע בלעטער, וואָס קומען פון וואַרשע.

— איר זענט א ישיבה־בחור ?

— יאָ.

— און דער פאָטער אייערער ?

— מיין פאָטער איז דער טבריה'ער ראש־ישיבה.

— פון וואַנען קומט אייער פאָטער ? פון פּוילן ?

— מיין פאָטער, מיין זיידע, מיין עלטער זיידע, זענען היגע געבוירענע. מיין מוטערס משפּחה אויך. מיין משפּחה שטאַמט אי פון ליטע, אי פון פּוילן. מיר אָבער זענען צפת'ער.

— און העברעאישע ספרים לייענט איר ?

— ניין.

— און פון ביאַליק'ן האָט איר געהערט — האָט אים נעש געפרעגט.

ס'בחור'ל האָט א קוק געטאָן אויף נעש'ן, דערנאָך אויף נאַרקים'ן און פון די ליפּן האָט זיך ביי אים א ריס געטאָן א שפּרוך :

— שם רשעים — — —

— פאַרוואָס שילט איר ביאַליק'ן ? — האָט נאַרקים זיך א בייזער געטאָן אויפן טבריה'ער בחור'ל.

— ווייל ער איז א מחלל־שבת.

— דו האָסט געזען ?

ניין, אַן עלטערער איד, א ירא־שמים, האָט עס מיר דערציילט.

— ווייסטו כאַטש, דו פּרא־אדם, אַז מען דאַרף דיר געבן פּעטש?
— האָט נאַרקיס אַ געשריי געטאָן — אַז פאַר אַזאַ קללה קומט דיר פּייערדיקע פּעטש?

די לייכטע רויטקייט איז אָפּגערונען פון דעם בחור׳לס באַקן. ס׳בלאַסע פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער. נעש׳ן איז איינגעפאַלן, אַז אַזוי צעשראָקן און פאַרלוירן האָט געדאַרפט אויסקוקן אַ ייִד פון בבל, ווען אַ ירושלים׳ער איז אים באַפאַלן, אים גערופן: „בבלאי טפּשאי". ס׳בחור׳ל האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף קריק. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעעפנט און ס׳קול איז געוואָרן דרייסטער:

— אַז איר וועט געבן פּעטש וועל איך נישט צונעמען.

— ווייסטו כאָטש, אַז דער ייִד דיינער, דער ירא־שמים, האָט דיר געזאָגט אַ שקר? — האָט נאַרקיס זיך אין גאַנצן געטרייסעלט — אַז פאַר דיין אומזיסטער קללה וועט מען דיך בראָטן אין גיהנום?

— מיטן גיהנום שרעקט מיך נישט — האָט ס׳בחור׳ל זיך גע־רוקט אויף הינטערוויילעכס — מיטן גיהנום וועל איך שוין אַליין פאַר־טיק ווערן.

— אַזאַ פּרא־אדם!

ס׳בחור׳ל האָט געוויזן אויף מעריב, וואו די זון, אַ רויטע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ים־כנרת:

— כ׳וועל פאַרשפּעטיקן מנחה.

ער האָט לייכט אַ הויב געטאָן די פּאָלעס פון כאַלאַטל און אָפּגע־צויגן.

— ווי געפעלט אייך אייער „יידישיסט", נעש? אַזאַ שטיק מיטלאַלטער! אַזאַ טבריה׳ער שוטה! אַזאַ טיפּוש!

אַ פאַרשמאַלצן יידעלע, — באָרד, טאַבעק, רויטע אויגן — וואָס האָט צוגעהערט דעם גאַנצן שמועס, האָט אונטערגעטראָגן אַ נדבה־הענטעלע:

— אַזאַ צפת׳ער שייגעץ. מען זאָגט דאָך: „זאָל מיך גאָט היטן פאַר צפת׳ער, ווי פאַר פייער און פאַר וואַסער". שענקט אַ נדבה, שענקט!

נעש און נאַרקיס זענען קריקגעגאַנגען. הינטער אויסגעבויגענע און אונטערגעשפּאַרטע ווענט זענען געזעסן, זענען געלעגן לעבעדיקע מתים. וואו אַ קער — גסיסה בליקן. נאַרקיס האָט זיך אַלץ נישט גע־קענט באַרואיקן:

— קענט איר פאַרגלייכן אַט־דאָס שטיקל מיטלאַלטער, כ׳מיין דעם בחור, דעם טיפּוס, מיטן שומר פון עין־חרוד, וואָס די גלבוע־בערג רעדן צו אים העברעאיש?

נעַש האָט געשוויגן. פאַר אים איז אויפגעגאַנגען הערש־לייב דער קופּערשמיד, וואָס דרייט זיך אַרום אַ שטומער, בענקט אין ארץ־ישראל נאָר אַ יידישער גאַס, נאָך אַ יידיש הויז, נאָך אַ יידישער משפּחה. און מיטן שווייגן איז נעש׳ן איינגעפאַלן, אַז ווען מען טראַכט זיך אַריין אין די געהיימע, רעליגיעזע באַוועגונגען פונעם רענעסאַנס. אין די רייסערייען, אין דעם צאָלן מיט מענטשלעך לעבן, קומט מען צום געדאַנק, אַז דאָס זעלבע פייער, וואָס האָט געברענט אין די פאַנאַטיקער, אין די סאַוואָנאַראָלעס, דאָס זעלבע פייער האָט אויך געשאַפן מיכל אַנדזשעלעס ווערק, האָט אויך געשאַפן דאַווינטשיס ווערק. ס׳איז די זעלבע קאָפּ־שלאַק מטבע. דער שומר, וואָס איז געזעסן אויפן פערד, ווי אַ ווירע, איז העכסטנס אַ העלד פון אַ ראָמאַן, העכסטנס — אַ „פּעטשאָרין", וואָס מיידלעך חלומ׳ען וועגן אים. פון דעם טבריה׳ער בחורל וועט מן הסתם גאָרנישט אַרויסקומען. מען קען אָבער נישט דריינגען דערפון, אַז פון די פאַנאַטישע בחורים׳לעך, פון די שטיקער „מיטלאַלטער", וואָס רעדן יידיש, לעבן זיך אויס אין יידיש, וועט גאָר־נישט אַרויסקומען. פון זיי זענען דאָך אַרויסגעקומען נישט בלויז אַ ביאַליק, אַ בערדיטשעווסקי, אַ ברענער, נאָר אויך כמעט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, אויך אונדזערע קעמפער, רעוואָלוציאָנערן, אויך די פירער פון אונדזערע אַרבעטער פּאַרטייען.

דער וועג האָט זיך געהויבן העכער און העכער. מיט זונפאַרגאַנג האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. אָט איז דעם רמב"מ׳ס קבר. אַ גע־מויערט אוהל. און אויפן אוהל — „רבינו משה בן מימון מבחר האנושי". אַרום דעם אוהל — קברים־בערגלעך. ס׳איז אַרויסגעקומען דער שמש — אַ הויכער, אַ געבויגענער, ענלעך אויף משה מיט אהרנ׳ען, ווי מען מאָלט זיי אויף די חומשים־שער־בלעטער. ער האָט געוויזן אויף די בערגלעך און איבערגעכאַזערט צום טויזנסטן מאָל אין זיין ספרד׳־ישן העברעאיש:

„— — — דאָ ליגט דער תנא ר׳ יוחנן־בן־זכאי, דאָ ליגט זיין ווייב, דאָ — זיינע קינדער. און דאָ — האָט ער מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַנדערע תנאים.

— ווער? ר׳ יוחנן־בן־זכאי ליגט דא? — האט נעש געקוקט אויפן בערגל אן א מצבה און זיך גע׳חדוש׳ט.

— יא, מיר האבן עם בקבלה — האט דער שמש פארזיכערט — ער איז דאך געווען א ספרדי.

— וואס פאר א ספרדי איז אייך ר׳ יוחנן־בן־זכאי געווען? — האבן זיך נעש און נארקים צעלאכט.

— וואס איז דער חלוק? — האט דער שמש מיט הכנעה אויס־געשטרעקט א האנט מען זאל עפעס ארײנלייגן — מיר זענען אלע יידן, אשכנזים, ספרדים, אלע אברהם אבינו׳ס קינדער. וואס, דריי פיאסטער? — האט ער זיך א קרום געטאן — ווייניק! גיט נאך א צווײ פיאס־טער!

דער אוונט איז צוגעפאלן. נעש און נארקים זענען געגאנגען מידע, פארשטויבטע, געגאנגען און געשוויגן. געגאנגען צום אויטאמאביל, וואס האט געווארט אויף זיי לעבן אן אכסניה. דא און דארט האט זיך צעוויינט א פיר־עקיק אייזעלע, אנגעיאגט א טרויער. אויף א טרעפל איז געזעסן א באבע אין א שטערנטיכל. זי האט אײנגעוויגט א קינד, שטיל אײנגעוויגט און צוגעזונגען אין א ברייטן קלינגענדיקן יידיש, וואס מען הערט בלויז אין אלט־ירושלים און אין צפת:

אין אונדזער לאנד,
אין אונדזער לאנד,
דא־אָס הייליקע,
זענען פאראן זער פיל קברים,
וואָס אין זיי זענען באהאלטן
אונדזערע הייליקע צדיקים,
התמימים והישרים.

דאָרטן רוען זייערע כשריע קעפעלעך,
און קיין וואָרעם האָט זיי נישט באַרירט.
אויף זיי בליען ארץ־ישראל עפּעלעך,
אתרוגים, לולבים, און מירטן אויך.

---

נעש און נארקים זענען ארײן אינעם אויטאמאביל. נעש אין איין ווינקל, נארקים — אין צווייטן. ביידע האבן געשוויגן, ווי זיי וואלטן געווען פרעמדע. דער שאופער, א גאליציאנער בחור אין געפאסטע

קאַסי־הויזן, האָט מיט גדלות אַ נעם געטאָן מיט בײדע הענט ס'רעדל, וואָס האָט זיך, ווי צעגוואַלדעוועט אויפן אַנלויף:

— לאָזט דורך!

דער אַנלויף:

ייִדן מיט שוואַרצע בערד, מיט רויטע בערד. ייִדן מיט הויקערס, מיט ווײַבער, מיט קינדער. באָרוועסע אַראַבער מיט אײזלען און אָן אײזלען. באַוואַקסענע אַראַבער ענלעך אויף שטאָט־משוגעים. קלײנוואַרג מיט שוואַרצע, פלאַמיקע אויגן, קלײנוואַרג מיט אײטערדיקע אויגן.

דער אַנלויף האָט פונעם שאָפער'ס געשרײ זיך צעשאָטן, דורכגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל, אים באַגלײט מיט אַ קאַץ־מוזיק.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך געהויבן באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, זיך געדרייט צווישן געסלעך, ליקלעך און בית־עלמינס, זיך געטראָגן איבער דורות.

טבריה — די שטאָט פון דער משנה, פון דער גמרא. דאָ זענען רעליגיעס אָפּגעגאַנגען אין בלוט, זיך אויסגעשאָכטן אין נאָמען פון גאָט. טבריה — די שטאָט פון דער מסורה, פון דעם ניקוד. דאָ האָט מען געריסן און געברענט יעדעס וואָרט, וואָס איז געווען קעגן דער מסורה. דאָ האָט מען גע'רודפ'ט די ערשטע קראים, דאָ האָט מען גע'רודפ'ט עננ'ס תלמידים. און די בײדע סעקטעס האָבן אײנע די אַנדערע זיך אויך גע'רודפ'ט. און ווען ניט די רדיפות וואָלט פון דער תלמודישער מסורה, פון דער „תורה שבעל־פה", וואָס איז געשטאַנען אין גרויס סכנה, קײן זכר ניט געבליבן, פונקט ווי ס'איז ניט געבליבן קײן זכר פון די ערשטע קראים.

ווען איז דאָס געווען?

אין זיבעטן יאָרהונדערט, אין אַכטן יאָרהונדערט, אין נײַנטן יאָרהונדערט?

און הײַנט?

הײַנט ווײַזט מען פאַר אַ פּיאַסטער וואו ר' יוחנן־בן־זכאי ליגט, וואו זײַן ווײַב ליגט, וואו זײַנע קינדער ליגן.

דער אויטאָמאָביל איז שוין געווען הינטער דער שטאָט. וואו אַ קער — חורבות און נאַקעטע בערג. וואו אַ קער — אַ פאַרגעסענע פּאַלמע, אַ קאַקטוס, ווי אַ פאַרזעעניש. די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. אַ סטאַדע ציגן — קלײנע, שוואַרצע — וואָס האָבן געזוכט גרעזלעך צופוסנס אַ באַרג, האָבן אַרויסגעבלאָנדזשעט אויפן אַספאַלט־

וועג. די ציגן האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַרן אויטאָמאָביל, גענומען לויפן באַרג־אַרויף און אינעם שטילן פאַרנאַכט האָט אָפּגעהילכט דאָס קלאַפּן פון קלאָען אָן שטיין.

דער פּאַסטוך, אַ באַוואַקסענער, מיט אַ גאָלן קאָפּ, האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער דער פּלאַכטע, וואו ער איז געלעגן. ער איז געבליבן שטיין אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט, גע־שטאַנען נישט ווי אַ שעפער, נאָר ווי אַ נביא. ער האָט נאָכגעקוקט דעם אויטאָמאָביל. דער שאָפער האָט זיך מיט אים באַגריסט:

— עלה קורח!

די מאַשין האָט זיך איינגעדרייט לינקס. פון צווישן די בערג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ שטיק פונעם ים־כנרת, אַ בלוי׳ס, אַ גרינ׳ס. די געמיטער זענען געוואָרן אויפגעהייטערט. באַלד איז דאָס שטיק ים פאַרשוואונדן.

דער וועג, וואָס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ, האָט אָנגעהויבן ווערן זאַמדיק. אין טאָל האָט די מאַשין גענומען גיין פּאַמעלעכער. די רעדער האָבן אָנגעהויבן זינקען אין הייסן זאַמד, ווי אין וואַסער. די מאַשין איז געבליבן שטיין. די פּאַסאַזשירן זענען אַרויס פון דער מאַשין, האָבן צוגעלייגט ווער אַן אַקסל, ווער אַ האַנט, געהאָלפן אַרויס־שלעפּן די רעדער פון זאַמד. דער שאָפער האָט געאַרבעט מעשים ביים רעדל. דער מאָטאָר האָט געקרעכצט, זיך געבייזערט. די רעדער האָבן זיך געדרייט אַרום די אַקסן, אַרויסגעוואָרפן וואָלקנס שטויב, און זיך נישט גערירט פון אָרט. דער שאָפער האָט אַן עפּן געטאָן ס׳טירל און איז אַרויס פון דער מאַשין. אַלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט און די בליקן, פאַרלוירענע, האָבן געהאַט צו זאָגן:

— וואָס וועט זיין?

ס׳איז אָנגעריטן אַן עלטערער אַראַבער אויף אַ קליין אייזעלע. הינטער אים פון ביידע זייטן אייזל צוויי געפּלאָכטענע קאָשן גרינס. דער אַראַבער האָט זיך באַגריסט מיטן שאָפער. און אַז דער שאָפער האָט געהאַט מכבד געווען דעם אַראַבער מיט אַ סיגאַרעט און דער אַראַבער דעם שאָפער מיט אַ שוועבעלע, האָבן זיך ביידע צערעדט:

— אַזוי און אַזוי, כאַוואַדזשאַ, נישט ווייט פונדאַנען וואוינט מיינ׳ס אַ שכן. ער האָט אַ פּאָר פערד. אַז דער כאַוואַדזשאַ וויל, וועל איך צורייטן נאָכן שכן. מען וועט איינשפּאַנען די פערד און אַרויס־שלעפּן דעם אויטאָמאָביל. ס׳וועט קאָסטן אַ שיבוש.

און אַז דער אַראַבער איז אַוועקגעריטן נאָכן שכן, האָט דער שאָופער אַריינגעלאָזט זיינע צעין פינגער אונטערן קעפּ:

— דער „שיבוש" וועט מיך שוין קאָסטן אַ צען פיאַסטער.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און דער אַראַבער איז אָנגעריטן אויפן אייזעלע. נאָך אים — דער שכן מיט די פערד. דער שכן, אַ יונגער, אַ באָרוועסער, איז אינגאַנצן געווען געראָטן אינעם עלטערן אַראַבער. דער שאָופער האָט עם באַמערקט און אַ זאָג געטאָן צו די פּאַסאַזשירן:

— איך מיינט טאַקע, אַז זיי זענען שכנים? דאָס איז אַ טאַטע מיט אַ זון! און ביידע זענען גנבים!

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. דער יונגער אַראַבער האָט אַ זינג געטאָן זעכציק פיאַסטער. דער שאָופער האָט אים אַ לאַך געטאָן אין פּנים אַריין, זיך נישט געשעמט אָנצובאָטן פינף פיאַסטער. דער אַראַבער האָט געשריגן, איינגעלייגט וועלטן. דער שאָופער האָט אים אַריבערגעשריגן. דער אַראַבער האָט געהאַלטן אין איין אַראָפּלאָזן פון פּרייז, דער שאָופער האָט געהאַלטן אין איין באַטרעטן, און צו קיין אויסגלייך איז מען נישט געקומען. נעש איז צוגעשטאַנען צום שאָופער:

— דינגט זיך נישט מיט אים, גיט אים נאָך.

— וו'הייסט איך וועל אים נאָכגעבן? זעכציק פיאַסטער? דריי דאָלער פאַר העלפן אַרויסשלעפּן די מאַשין? ניין! אַ שאָד יידיש געלט! אַזאַ פאַרשוין אַרבעט דאָך אָפּ פאַר זיבן פיאַסטער, פאַר פינף און דרייסיק סענט, אַ גאַנצן טאָג ביים עפענדי אויפן פעלד! דאָס איז דאָך גזלה!

— נו, באַטרעט אים נאָך פינף פיאַסטער — איז נעש געוואָרן אומגעדולדיק — אַבי אַ סוף!

מען האָט זיך ווידער גענומען דינגען. און אַז מען האָט אָפּגעגוואַלדעוועט, זיך אָפּגעקריגט אַ מינוט צען, איז מען מושווה געוואָרן אויף צוואַנציק פיאַסטער.

ביידע אַראַבער האָבן אויף גיך פאַרוואָרפן אַרום די אויטאָמאָביל־אַקסן קייטן, איינגעשפּאַנט די פערד אין די קייטן. די פערד האָבן אַ ציִ געטאָן, איין מאָל, נאָך אַמאָל, מיטגעשלעפּט דעם אויטאָמאָביל, און איידער וואָס־ווען, איז די מאַשין אַרויס פון די טיפע זאַמדן.

דער עלטערער אַראַבער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד. דער יינגערער איז געשטאַנען מיט אַ צעעפנטער האַנט, ברייט ווי אַ לאָפּאַטע. דער שאָופער, אַ צע'נכפה'טער, האָט אַריינגעציילט אין דער אָפענער האַנט

די פּיאַסטערס, געציילט מיט אַ ניגון, ווי אַ פֿרומער ייד ציילט פּרעה׳ס מכות.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָוועקגערעדלט. די זאַמדן זענען געוואָרן פּלאַכער און שיטערער. דער שאָופער, וואָס איז נאָך נישט זיכער געווען צי די צוואַנציק פּיאַסטער וועלן אויסגיין צו זיין קעשענע, צי צו די פּאַסאַזשירנ׳ס, האָט זיך איצט נאָך מער גע׳כעס׳ט, ווי פֿריער:

— געהערט? פֿאַר העלפֿן אַ שטופּ טאָן אַן אויטאָמאָביל צוואַנציק פּיאַסטער? דאָס זענען דאָך קעשענע־גנבים!

— פֿאַרגינט זיי — האָט נעש איינגעשטילט דעם שאָופער — ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ אַנגרייסעניש? איינמאָל אין אַ יובל. און דעם דאָלער וועלן מיר באַצאָלן.

— ס׳גייט נישט אין דאָלער — האָט אַ צופֿרידענער שמייכל, וואָס האָט זיך צעליינגט אַרום דעם שאָופער׳ס מויל־ווינקלען, גענומען טרייבן דעם כעס פֿון פּנים — אייער געלט איז פּונקט אַזוי אַ שאָד, ווי מיינס! ס׳איז יידיש געלט!

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַריינגעדרייט אויף אַ שטיק אויפֿגעריסענעם שאָסעע. פֿון ביידע זייטן האָבן געגלאָצט הייב־מאַשינען, גראָב־מאַשינען, פּעסער סמאָלע, פּריזמעס שטיינער, אָנגעוואָרפֿענע זעקלעך צעמענט. עטלעכע צענדליק אַראַבער — יונגע, עלטערע, זקנים — באַרוועסע אַראַבער אין ברייטע הויזן, וואָס זענען אַמאָל ווייס געווען, אַרום די קעפּ שטיקלעך האַנטעך, האָבן זיך געהויבן אַרום די פּריזמעס, וואו זיי האָבן געהאַקט שטיינער. די אַראַבער האָבן דורכגעלאָזט דעם אויטאָמאָביל. און אין זייערע אָפּגעברענטע פּנים׳ער, שיינע פּנים׳ער, אין זייערע שוואַרצע אויגן, יידישע אויגן, איז געווען שנאה צום שאָופער, צו די פּאַסאַזשירן, צום אויטאָמאָביל. פֿון צווישן די פּריזמעס זענען געפֿאַלן ווערטער, ווי שטיינער:

— יהוד כלב!

— כלב יהוד!

נעש און נאַרקיס, וואָס זענען געזעסן פֿון ביידע זייטן אויטאָמאָביל, האָבן זיך אַ רוק געטאָן איינער צום אַנדערן. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און פֿאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

דער שאָופער האָט מיט ביטול אַ קוק געטאָן אויפֿן המון און זיך אומגעדרייט צו די פּאַסאַזשירן:

— זיי האָבן צו אונדז, יידן, דערלייגט דער באַבעס ירושה! כ'האָב אייך געזאָגט — הינט — אַזוינע הינט! און איר ווילט טאַקע אויף נאַכט צופאָרן קיין נצרת? לאָמיר בעסער איבערנעכטיקן אין אַ קבוצה. דגניה איז נישט ווייט פון דאַנען.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן אויף שטום־לשון באַשלאָסן, אַז דער שאָפער איז גערעכט און נאַרקיס האָט אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן איבערנעכטיקן אין דגניה און פאַרטאָג אַרויספאָרן קיין ירושלים.

## 6. אין ירושלים

נעש האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שרייבטיש. ער האָט געקוקט אויף די צעוואָרפענע בייגעלעך פּאַפּיר, פריש באַשריבענע, וואו דער טינט איז נאָך נישט געווען אויסגעטרוקנט, און איז נישט געווען צופרידן. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן פרימאָרגן, געוואָלט באַשרייבן דעם אונטערגאַנג פון ירושלים, געוואָלט געבן די אינערלעכע רייסערייען — קנאים, סיקריקין, הונגער, מגפה, טויט. מיטן טויט איז אויף ארץ־ישראל אָנגעפאַלן אַ שלאָף, אַ חוני־המעגל־שלאָף, אויף קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר. און נאָכן שלאָף — דיזעלבע אינערלעכע רייסערייען — בריונים, הסתדרות'ניקעס. פונעם קרימלעכן, אויסגעבויגענעם שטילעט איז געוואָרן אַ רעוואָלווער, פונעם רוימישן אָדלער — אַן ענגלישער לייב.

נעש האָט שטייענדיקערהייט געלייענט אַ זייטל נאָך אַ זייטל. די אומצופרידנקייט איז אין אים געוואַקסן. נישט דאָס האָט ער געוואָלט איבערגעבן. וואו זענען די אמת'ע רייסערייען, וואו איז דער אמת'ער געראַנגל? האָט דאָך יעדער מענטש זיין ריח, האָט דאָך יעדער תקופה איר ריח? און אויב פון ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ באַרג אַש, איז געוואָרן אַ חורבה, וואו איז דער ריח פון דער חורבה? פאַר די אויגן האָבן זיך געטראָגן ווערטער, אויסגעבלאָזענע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלייגט אַרום נעשעס פיס, ווי געשאָכטענע פייגל. ער האָט צעריסן די באַשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר, זיי צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. ער האָט אַן עפן געטאָן אַ פענצטער און די שטיקלעך פּאַפּיר זענען זיך צע־פלויגן איבער ירושלים, האָבן זיך געטראָגן איבער אַלע פיר זייטן.

שוין אַ חודש, ווי נעש איז געווען אין ירושלים, ווי ער איז אייג־

געשטאַנען ביי מים פּילד אין פּאַנסיאָן, וואָס זיין „שיף־שוועסטער", די עלעגאַנטע עטל, האָט אים רעקאָמענדירט. זי האָט טאַקע געוואוינט מיט אים אַ טיר איבער אַ טיר.

צען אזייגער האָט נעש געדאַרפט זיין ביים ירושלים'ער בית־דין. ער האָט געוואָלט זען, ווי פּנינה, דאָס תימנ'ער ווייבל, וואָס רוימט אויף די צימערן, וועט זיך גט'ן מיט סעדיהן. איצט איז נאָך קיין ניין נישט געווען.

ס'האָט נעשן אויסגעפּעלט אָטעם. ער איז אַרויס פון צימער. אינעם שטילן קאָרידאָר האָט פּנינה געוואַשן דעם דיל. נעש האָט זי באַגריסט.

— וואָס, פּנינה, איר האָט זיך אפשר איבערגעבעטן מיט סעדיהן?

— ס'וועגדט זיך נישט אָן מיר, אדוני — האָט זי אַ הייב געטאָן צו נעשן אַן אויסגעטרוקנט, פאַרעלטערט פּנים — ער וויל אַ גט.

— וועט איר אים געבן?

נעש האָט נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט גענומען אַראָפּגיין מיט די טרעפּן. און אַז ער איז שוין געווען ביים אַרויסגאַנג, האָט ער געהערט ווי פּנינה שרייט אים נאָך:

— די תוכחה וועל איך אים געבן!

נעש האָט זיך געטראָגן פון איין גאַס אין דער אַנדערער. די שרעק פאַר דער אייגענער לייזיקייט האָט אים געטריבן — די ליידיקייט פון אַן אויסגעקאָכטן טשייניק, וואָס שטייט נאָך אויפן פּלאַם.

נעש האָט זיך אריינגעדרייט אין דער אַלטער שטאָט. ער איז כמעט געלאָפן איבער דער קייטן־גאַס, וואָס האָט זיך געשניטן באַרג־אַראָפּ. די געסלעך זענען געווען שמאָל, אַזוי שמאָל, אַז ווען צוויי מענטשן זאָלן זיך אַרויסבייגן פון צוויי קעגנאיבערדיקע הייזער, וואָלטן די מענטשן זיך לייכט געקענט געבן „שלום". נעש איז אַריין אין דער בשמים גאַס. פון דער בשמים גאַס אין דער יידישער, וואו ס'זענען שוין באַלד קיין יידן נישט געווען. אומעטום — שפּייז־געוועלבלעך, שניט־קרעמלעך, יאַטקעס. אומעטום — וויינשענקלעך, בעזים־פּלעכטער, סאַנדאַלן־מאַכער. אַנגעלאָדענע אייזלען, אַנגעלאָדענע קעמלען האָבן פאַרשטעלט די געסלעך. און ווען נישט די כאַרכלדיקע קולות פון יידן און אַראַבער, ווען נישט דער האַנדל, וואָלטן די געוועלבטע, טונקעלע געסלעך אויסגעזען ווי אַלטע, טוכלע קאַטעדראַלן, וואָס לאָזן נישט צו קיין זון.

אין א ווינקל איז געלעגן א תימנ'ער טרעגער — א דאַר, באָרוועס מענטשל מיט א שטריק אַרום די לענדן. דער טרעגער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט, האָט אַרויסגענומען א ספר'ל און מיט א צעצויגע־נעם ניגון, אַריינגעוויינט אינעם טומל אַריין א פּרק משניות.

נעש האָט זיך געטראָגן צווישן די געוועלבלעך. ער האָט אומעטום אַריינגעקוקט, אומעטום אַריינגעשמעקט. ער האָט באַטאַפּט די אַלטע געביידעס, וואו צווישן די ציגל האָבן אַרויסגעגלאָצט גרויסע פּירעקיגע מירמלשטיינער, ענלעך אויף די שטיינער פונעם כותל־מערבי. נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א קאַשעמאַכער. א שמאָל, טונקל געוועלבל. זעקלעך קאַשע, זעקלעך הירזש. א יידל — באָרד און פּאות — האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, געזוכט א קונה. און טיף אינעם געוועלבל איז געשטאַנען א צעוואַקסענער אַראַבער מיט אויסגעשטאָכענע אויגן און האָט געדרייט א האַנט־מיל. פונעם טרויעריקן פּנים האָט אַרויסגע־קוקט אַן אומבאַהאָלפענער שמשון הגיבור.

נעש האָט אויפגעציטערט, דערפילט ווי די לײַדיקייט אין אים הייבט אָן פאַרשווינדן. ער האָט זיך נאָך גיכער געטראָגן איבער די שמאָלע געסלעך און הינטערגעסלעך, איז צוגעקומען צום „שער הזהב", וואָס די אַראַבער האָבן פאַרמויערט, משיח זאָל נישט האָבן דורך וואַנען אַריינצופאָרן קיין ירושלים. עפּעס איז אין נעשן אויפגעגאַנגען, א ריח, אַן אַלטער ריח, דער ריח פון דער אַמאָליקער ירושלים. די אויגן זענען ביי אים געוואָרן גרעסער, די נאָזלעכער ברייטער. אָט איז פאַר אים די אַמאָליקע בשמים־גאַס, די אָקסן גאַס, די יאַטקע גאַס, די גלעזער גאַס, די שמידן גאַס. יעדער מענטש האָט זיין ריח. יעדער תקופה האָט איר ריח. און נעש האָט דערפילט אַרום זיך ריחות פון צוויי טויזנט יאָר קריק, פון דריי טויזנט יאָר קריק. די ריחות זענען געלעגן אויף די שפּיץ־פינגער, אַרום די מויל־ווינקלען, ווי דאָס אַלץ וואָלט פּאַסירט נעכטן, אייער־נעכטן.

נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון א געוועלבל, וואו מען האָט געפלאָכטן בעזימער, האָבן אַרויסגעקוקט א פּאָר באַקאַנטע אויגן.

— שאָלאָם, יוסף — האָט נעש זיך דערפרייט מיט א פערצניעריק בחור'ל, וואָס האָט געפּוצט יעדן פרימאָרגן שיך אין מיס פּילד'ס פּאַנ־סיאָן — וואָס טוסטו דאָ?

— איך העלף מיין פאָטער — האָט יוסף געוויזן אויף א פאַרשווין

מיט פעסטע צונויפגעקלאפּטע פּלייצעס, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטיקל ראָגאָזשע מיט די פיס אונטער זיך און האָט געפּלאָכטן בעזימער.

יוספ'ס פּאַטער איז געווען זיכער, אַז דער פרעמדער אַזוי זיין זונ'ס באַלעבאָס. ער האָט אונטערגערוקט אַ נידעריק בענקל און געזאָגט האַלב אין העברעאיש, האַלב אין שפּאַנאָליש:

— זיצט, מאַעסטראָ!

דאָס געוועלבל איז ענלעך געווען אויף אַ הינער־שטעלכל. קליין, נידעריק. פון די אָפּגעשיילטע ווענט, פון דעם ערדענעם דיל, פון די בינטלעך שטרוי, האָבן זיך געטראָגן שווערע, טוכלע ריחות.

נעש האָט געפרעגט:

— וויפל צאָלט איר דירה־געלט?

— צוועלף „פונט" אַ יאָר.

—און ווי איז מיט פרנסה?

— פרנסה? — האָט ער אויף גיך אָנגעצויגן בינטלעך שטרוי אַרום דעם בעזים־שטעקן — שוואַך!

— וויפל פאַרדינט איר אַ טאָג?

ער האָט צוויי מאָל אַ הייב געטאָן די צען פינגער, געוויזן, אַז ער פאַרדינט צוואַנציק פּיאַסטער און ס'האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן העברעאישע ווערטער אָן אַ פאַרבינדונג, וואָס האָבן געדאַרפט מיינען:

— דערפון צאָל דירה־געלט, צאָל קהילה־געלט, צאָל שכר־לימוד, דערנער ווייב מיט פינף קינדער.

— פונוואַנען זענט איר?

— איך? — זענען די פינגער געפלויגן איבערן בעזים, ווי איבער אַ האַרפע — פון סאַלאָניקי. אין סאַלאָניקי בין איך געווען דער פּרעזי־דענט פון אַלע בעזים־פלעכטער. אין סאַלאָניקי איז געווען פרנסה, איז געווען גוט. און ווען נישט דער שונא־ישראל, דער יון־הרשע, דער גריך, וואָלט איך אפשר אַהער נישט געקומען.

— און מיט די אַראַבער, מיט די שכנים אייערע, לעבט איר בשלום?

— מיט די אַראַבער? — האָט ס'פּערצן יעריק יינגל זיך אָנגערופן — אַז זיי דאַרפן עפּעס פון אַ ייד, איז אדרבא ואדרבא: „שאַלאָם, שאַלאָם"! זיי זענען אָבער הינט! גייט אָן אַראַבער אַרויס פון מע־טשעט, וואו דער מופטי האָט גערעדט שלעכטס אויף יידן, וועט דער אַראַבער פריער פאַר אַלץ דערשטעכן דעם יידישן שכן זיינעם.

— ווער דאַרף זייער חבר'שאַפט? ווער דאַרף מיט זיי לעבן בשלום?

— האָט דער פֿאָטער אוועקגעלעגט דעם בעזים, זיך צערעדט צום זון אויף שפּאַניאָליש, גלייך זיך אויסגעדרייט צו נעשן, געוויזן אויף די אייגענע הענט־מוסקולן און פֿון מויל זענען געפֿאַלן העברעאישע ווערטער אָן פֿאַרבינדונגען — איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. איך געווען אַ „זאָלדאַט", געדינט מחמד'ן אַכט יאָר, דורכגעמאַכט די וועלט־מלחמה.

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בעזים, אים אָנגעשטעלט ווי אַ ביקס צום שיסן, געזוכט ווערטער:

— איך געשאָסן מיט אַ „מאַרטין", אַזוי: „פּיף־פּאַף"! איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. איך — „מאַרטין", חלוצים — „מאַרטין". מיר — נישט מורא. אַראַבער — הינט, משוגענע הינט.

— און וואו זענט איר געווען אין די אומרוען? אין ירושלים?

— האָט נעש געקוקט אויף דעם סאַלאָניקער „פּרעזידענט" פֿון די בעזים־פֿלעכטער און געזוכט אַ שייכות צווישן זיך און אים.

דער בעזים־פֿלעכטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, האָט זיך געמוזט איינבייגן, ווייל די סטעליע איז אים געלעגן אויפֿן קאָפּ. די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפֿינקלט:

— אין די אומרוען? אין ניין־און־צוואַנציק? מיט פֿינף יאָר קריק? כ'האָב געוואוינט אין ירושלים, נישט ווייט פֿונעם אַראַבישן קוואַרטאַל, געוואוינט צווישן יידן, צווישן אַראַבער. אין איין הויז פֿינף יידן. איך, אַ חבר מיינער, אַ פֿישער, נאָך אַ חבר, אַ טרעגער און צוויי אשכנזישע „חכמים", שוואַכע זקנים, מיט בערד, מיט פּאות. אין דער נאַכט, האָבן מיר געשיקט די „חכמים" אויף אַ פֿריער. נאָך זיי — מיר. נאָך אונדז די שכנים אונדזערע, די אַראַבער, מיט מעסערס, מיט שטיינער, מיט דרענגער. אַרום און אַרום — חושך מצרים. כ'טו אַ קוק — אַ חבר מיינער כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ — בלוט. אַ צווייטער חבר כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ — בלוט.

דער בעזים־פֿלעכטער האָט מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט די פֿיס ווי אַ רויב־חיה, וואָס קלייבט זיך אַ שפּרונג טאָן. ער האָט ערגיץ דער־טאַפּט אַ לאַנג קרימלעך מעסער. די אויגן, ווילדע אויגן, נישט קיין יידישע, האָבן זיך ביי אים אַ שפּאַר געטאָן פֿון קאָפּ. ער האָט שוין מער נישט גערעדט. טיף פֿון האַלדז האָבן אָנגעהויבן צו קייקלען זיך פֿאַר־שטיקטע קולות, גיך, גיכער. די האַנט מיטן מעסער איז געשפּרונגען הין און קריק, געוויזן ווי ער האָט אוועקגעלעגט איין אַראַבער נאָכן צווייטן, געוויזן ווי מען האָט אים זעקס מאָל געשטאָכן און ער האָט

ס'מעסער נישט ארויסגעלאָזט. ס'פּנים איז געוואָרן פלאַם־פייער. די ציין — שוים. און פון מויל האָבן זיך געריסן צוויי ווערטער:

— קאַכע־קאַך, קאַכע־קאַך — אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי.

און דאָס פּערצניעריק ייִנגל האָט אָנגעקוואָלן פונעם פאָטער, נאָכגעזאָגט:

— קאַכע־קאַך, קאַכע־קאַך.

דער בעזים־פלעכטער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו נעשן, אים איינגערוימט, אַז די גאַנצע ייִדישע גאַס האָט געהערט:

— איך — שטאַרק, חלוצים — שטאַרק. יעדער דאַרף האָבן אַ „מאַרטין", אַ ביקס. איין פאָן, — אַ ייִדישע פאָן. איין מלוכה — אַ ייִדישע מלוכה.

נעשן האָט נישט געדענקט, צי ער האָט זיך געזעגנט מיטן בעזים־פלעכטער. ס'איז געווען נאָך צען. ער האָט זיך געאיילט צום ירושלים'ער בית־דין, געטראָגן אין זיך דעם אמת'ן געראַנגל פונעם חורבן־ירושלים, וואָס ער האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן ניט געקאָנט געפינען. נעשן האָט געזוכט אַ שייכות צווישן זיך און דעם סאַלאָניקער ייִד, וואָס האָט די גאַנצע ישועה געזען אין אַ ביקס, אין אַ פאָן, אין אַ מלוכה און אַזאַ שייכות נישט געקאָנט געפינען.

## 7. אַ דין־תורה

דער שמש, אַן איידל מענטשל, מיט אַ ליכטיק בערדל און מיט אַ גאָלדענעם צאָן אין דער סאַמע מיט מויל, האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון בית־דין־שטוב. ער איז אַריין אין געפּאַקטן וואַרט־צימער און האָט אויסגערופן אין העברעאיש:

— וואו איז סעדיה הלוי? וואו איז שושנה מזרחי? ירושלים'ער בית־דין וואַרט אויף אייך!

פון צווישן עולם האָט זיך דער ערשטער ארויסגערוקט סעדיה הלוי, אַ תימנ'ער יונגערמאַן אין די צוואַנציקער. די הענט, דער האַלדז, ס'פּנים — שוואַרץ און אויסגעהאַמערט, ווי אָקסידירט זילבער. דער יונגערמאַן איז געווען שיין, איז געווען געוויקסיק, האָט זיך געטראָגן אין בית־דין שטוב אַריין, ווי אַ רויבפויגל. נאָך אים — דער פאָטער זיינער, די מוטער זיינע — קליינע, איינגעדאַרטע, אמת'ע צוגעבערענטע ארץ־ישראל ניסלעך. סעדיה מיט זיינע עלטערן זענען געבליבן שטיין

רעכטס פון בית־דין טיש. לינקס איז אויסגעוואקסן שושנה. די פּעך־שוואַרצע האָר אַרומגענומען מיט אַ ווייס, זיידן טיכל. האַלדז, פּנים, אויגן — מאַטע איילבירטן, טונקעלע, גלאַנציקע איילבירטן. און צווישן די איילבירטן — רויטע ליפּן. הינטער שושנה'ן — איר מאַן, וואָס איז געווען דאַר און געלבלעך. די פּיס — דינע, גאָר דינע, ווי ביי אַ קינד. די אויגן, דערשראָקענע האָבן קיינעם נישט אָנגעקוקט.

ביים בית־דין טיש זענען געזעסן צוויי רבנים — אַן אַשכנזישער און אַ תימנער. ביים אַשכנזישן איז אַלץ געווען צעוואַקסן — פּלייצעס, הענט און פּיס, באָרד און פּאות. דער זיידענער שלאָפראָק צעקנעפּלט. ער איז געזעסן אַ געבויגענער און עפּעס איבערגעשריבן. לעבן אים — דער תימנער רב אין אַ קאָלירט כאַלאַטל, אויפן קאָפּ אַ טורבאַן. באָרד, פּאות, פּנים — קיין זאַך איז ביים רב נישט געווען דערוואַקסן. דער אַשכנזישער רב האָט מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, אַ רוק געטאָן דעם קאַפּל, באַטראַכט אַ וויילע מיט קורצזיכטיקע אויגן דעם עולם און זיך געפרעגט:

— וואו איז סעדיה'ס ווייב?

— אָט בין איך, רב!

ס'האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פאַר'חשכ'ט, אויסגעמאַטערט ווייבל, ס'פּנים איינגעלאָפן ווי אַ קינדישע פויסט. בלויז די אויגן, גרויסע, שוואַרצע אויגן, האָבן געפיבערט.

— ווי הייסטו? — האָט דער אַשכנזישער רב זי געפרעגט.

— פנינה.

— האָסט אַ כתובה?

— ווי קען איך האָבן אַ כתובה, אַז מען האָט מיך צום ערשטן מאָן פאַרקויפט, ווי מען פאַרקויפט אַ הונט?

— אַזוי רעדט נישט קיין יידישע טאָכטער — האָט דער תימנער רב זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די שטיקלעך באָרד, וואָס זענען ביי אים בלויז געוואַקסן אויף דער גאָמבע.

— וואָס זענען דיינע טענות, פנינה? — האָט דער אַשכנזישער רב ווייטער געפרעגט.

דאָס איינגעפאַלענע מויל האָט זיך געעפנט, ווערטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן און דאָס פאַר'חלש'טע פּנים האָט זיך גענומען אויסקלאָרן, איז שענער געוואָרן. זי האָט גערעדט:

— מיינע טענות? כ'בין אַ זינדיקע, כ'בין אַ געשטראָפטע, כ'דאַרף

גרויס רחמים. א ווייב איז א גאנץ מענטש, ווען זי האט א מאן. נעמט מען ביי איר צו דעם מאן — בלייבט זי א שטיק ווילד פעלד. וואס זאל איך לייקענען? איך האב ליב מיין מאן, איך וויל בלייבן א גאנצער מענטש, נישט קיין צעשפאלטענער, נישט קיין האלבער.

— איז וואס זענען דיינע טענות, פנינה? — האט דער אשכנזישער רב גענומען ווערן אומגעדולדיק.

— מיינע טענות? — האט פנינה א רוק געטאן דאס שווארצע קאפטיכל, ווי זי וואלט מיטן ווייסטן, אפגעדעקטן שטערן געוואלט אויפ־דעקען א סוד. — צו פופצן יאר האב איך חתונה געהאט. מיין ערשטער מאן איז געווען סעדיה'ס עלטסטער ברודער. זיבן יאר האבן מיר גע־לעבט צוזאמען, זיבן גליקלעכע יאר. ער איז, נישט פאר אייך געדאכט, געווען א קראנקער, געליטן אויף די לונגען. איך האב געארבעט, שווער געארבעט. כ'האב געוואשן וועש, געוואשן דילען, געזען פלטיאל זאל יעדן טאג האבן א פריש גלאז מילך, ס'זאל אים קיין זאך נישט פעלן. אויב איר גלויבט מיר נישט, אויב כ'בין נישט באגלויבט, פרעגט שווער און שוויגער, כ'בין אבער זינדיק געווען. גאט האט מיר דעם מאן צו־גענומען און איך בין געבליבן א ווייסטע אלמנה, געבליבן אן א קינד, געדארפט נעמען חליצה. איבערלאזן אבער שווער און שוויגער, איבער־לאזן דעם קליינעם סעדיה'ן האב איך נישט געקענט, קיין הארץ נישט געהאט. זיי וואלטן געדארפט אנקומען צו מענטשן. דערצו האב איך זיי ליב געהאט.

— ס'איז אמת, — האבן סעדיה'ס עלטערן זיך אנגערופן, — ס'איז אמת.

— האב איך איצט נאך מער געארבעט, געפראצעוועט ווי אן אייזל — האט פנינה זיך גענטער א רוק געטאן צום בית־דין־טיש. — נאך דער ארבעט פלעג איך לויפן אין חדר אריין צו סעדיה'ן. ער איז דעמאלט זיבן יאר אלט געווען. כ'האב אים געטראגן אויף די הענט, כ'האב אים געשלעפט אויף די פלייצעס אהיים. אזוי בין איך פאר־שווארצט געווארן יארן. און אז סעדיה איז פופצן יאר אלט געווארן, האבן מיר חתונה געהאט. און איצט, אז כ'בין שוין אפגעארבעט, כ'בין שוין זיבן־און־דרייסיק יאר אלט, וויל ער מיך גט'ן, טענה'ט אז כ'בין אן עקרה. און הערט, הייליקער רב, ווען נישט זי, די חצופה, — האט פנינה געוויזן אויף שושנה'ן — וואלט ער מיך נישט געוואלט גט'ן. א מאן, וואס מען האט אליין אויסגעהאדעוועט, אים געצוואגן,

אים געשלעפּט אויף די פּלייצעס, אַזאַ מאַן וואַרפט נישט סתם אין דער וועלט אַריין אַוועק ס'ווייב. אַלאַ וואָס רעדן, רב? זי, שושנה, זי האָט אים אַראָפּגעפירט פון וועג. ווי ס'ווערט נאַכט, פאַרשווינדט ער פון שטוב, שלעפּט זיך מיט איר אַרום, קומט אַהיים ווען ס'נעמט שוין טאָגן. איך, הייליקער רב, שלאָף קיין נעכט נישט, קוק זיך אויס די אויגן די טיר זאָל זיך עפענען, און ער שלעפּט זיך אַרום מיט דער חצופה, מיט שושנה'ן.

— ביזט אַליין אַ חצופה — האָט שושנה זיך אַ רוק געטאָן צו פנינה'ן, זי אָפּגעמאָסטן מיט ביטול — דו, וויסטע עקרה, דו!

— נו, נו, נו — האָט דער תימנער רב אויסגעשטרעקט זיינע קליי־נע, דינע הענט, ווי אַ מחיצה, די ווייבער זאָלן זיך נישט פליען אין די פּנימ'ער אַריין — נו, נו, נו!

— וואָס זאָגסטו, שושנה, אויף פנינה'ס טענות? — האָט דער אשכנזישער רב אַ זשמורע געטאָן מיט די קורצזיכטיקע אויגן.

— גאָרנישט, רב, כ'האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איז עס אמת, אַז דו שפּאַצירסט אין אָוונטן מיט סעדיה'ן?

— נישט אמת, רב.

זי שפּאַצירט יאָ — האָט שושנה'ס מאַן זיך צעפינטלט מיט די אויגן, וואָס האָבן אויף קיינעם נישט געקוקט.

— כ'שפּאַציר מיט בחורות — איז ס'קול ביי שושנה'ן געוואָרן אָנגעשפּאָלטן, זיך אַליין פאַר'מסר'ט, אַז זי זאָגט נישט קיין אמת.

— ניין, רב, זי שפּאַצירט מיט סעדיה'ן — האָט דער אויסגעדאַר־טער תימנער גענומען קלאַפּן אין בית־דין־טיש מיט די פויסטלעך — האָט קיין בושה נישט, טוט עס פאַר מיינע אויגן! אַזאַ חצופה! און דעם תכשיט, סעדיה'ן, דאַרף מען די פּיס אונטערהאַקן, וועט ער פאַר־זאָגן אַ צענטן זיך נישט אומצושלעפּן מיט אַן אשת־איש!

סעדיה האָט געבעטן גאָט, ס'זאָל זיך אונטער אים עפענען אַ גרוב, אפילו ווי ביי קורח"ן, וואָלט ער אַהין אַריין, אַבי נישט אויסצוהערן דאָס אַלץ. ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט, וואו דעם רמבמ'ס בילד איז געהאַנגען און זיך גע'חידוש'ט פאַרוואָס דעם רמבמ'ס טורבאַן איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי דעם תימנער רב'ס. ער האָט געהערט ווי מען דערמאָנט זיין נאָמען, געהערט ווי מען רופט אים, איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל. ער האָט זיך אויסגעדרעט צום בית־

דין־טיש, אָנגעשטעלט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן געהאַט צו זאָגן:

— איר האָט מיר גערופן?

דער אשכנזישער רב האָט זיך געבייזערט:

— איז עס אמת, אַז דו, סעדיה, שלעפּסט זיך גאַנצע נעכט אַרום מיט שושנה'ן, מיט אַן אשת־איש?

— אמת.

— ס'איז אַ בלבול, רב, ס'איז אַ מיאוס'ער בלבול! — האָט שושנה פאַרשאַרצט ס'ווייסע זיידענע קאָפּטיכל און איר בייז פאַר־וואָלקנט פּנים איז נאָך שענער געוואָרן.

— ווייסטו, סעדיה, אַז ס'איז אַ זינד, אַז ס'איז אַ האַרבע זינד זיך אַרומצושלעפּן מיט אַן אשת־איש?

— כ'ווייס — האָט סעדיה אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אַז דו ווייסט יאָ, ביזטו דאָך דער אמת'ער חוטא!

ער האָט נישט געענטפערט.

— און פאַרוואָס ווילסטו גט'ן פנינה'ן? — האָט דער אשכנזישער רב שוין נישט גערעדט, נאָר געשריגן.

— ווייל זי איז אַן עקרה — האָט סעדיה זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט פאַרן טיש — ווייל זי איז מיר ניט צום האַרץ, ווייל כ'האָב זי פיינט!

פנינה האָט אַ שלעפּ געטאָן דאָס שוואַרצע קאָפּ־טיכל איבערן שטערן און איז מיט אַמאָל געוואָרן עלטער, איז געוואָרן אַ זקנה. זי איז צוגע־פאַלן צו סעדיה'ן, ווי אַ מוטער פאַלט צו צו אַ זון, וואָס איז אַוועק אין שלעכטע דרכים. זי האָט זיך צעהעשעט. דערנאָך האָט זי זיך אַ בויג גע־טאָן צו סעדיה'ס קני, דערנאָך צו זיינע פיס, וואו זי איז געבליבן ליגן, ווי אַן איבערגעגעבענער הונט. זי האָט געוויינט דין און שפּיציג, ווי אַ געפּייניקטע חיה:

— סעדיה, קינד מיינס, באַלעבאָס מיינער, מאַן מיינער, זיי מיט מיר, גט מיך נישט. אַ ווייב אָן אַ מאַן איז אַ האַלבער מענטש, איז אַ ווייסט שטיק פעלד.

סעדיה האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון אירע הענט, זיך געשטעלט מיטן פנים אין פענצטער אַריין, וואו אַלט ירושלים האָט זיך געהויבן איבער די דעכער.

פנינה איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אַראָפּגעריסן ס'טיכל פון קאָפּ,

האָט זיך אַ צי געטאָן — הויט, נעגל און ביינער. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף שושנה'ן, זי אומגעוואָרפֿן, איז איר אריין מיט די נעגל אין פּנים, אין די האָר, געשריען:

— חצופה, גיב מיר אָפּ סעדיה'ן!

די בית־דין־שטוב איז פול געוואָרן מיט פארשפּיצטע קולות. די ביידע רבנים האָט פארפעלט לשון. דער איידעלער שמש האָט איינגע־שטילט דעם עולם:

איר זענט נישט אין דער תימנער „שכונה"! איר זענט אין ירושלימער בית־דין שטוב!

## 8. עטל

ווען נישט די צוויי אראבער, מאכמוד און אבראהאם, וואָס האָבן באדינט די געסט ביי מאדאם פילד אין פּאַנסיאָן, וואָלט מען געקענט מיי־נען, אַז מען איז אין ניו־יאָרק, נישט אין ירושלים. אויף יעדן טיש — ענגלישע צייטונגען, ענגלישע וואָכנבלעטער, ענגלישע ביכער. דערצו האָבן אַלע אין פּאַנסיאָן גערעדט ענגליש.

די געסט — יונגע אַמעריקאַנער לערערינס אָן שטעלעס, געוועזענע „סאָשעל וואָירקערס" און אַזוינע, וואָס האָבן שוין געהאַט זיך דער־שלאָגן צו עפּעס, געארבעט אין דער „יידישער אַגענטור", געארבעט אינעם „פּאַלעסטינער בולעטין".

כמעט אַלע אין פּאַנסיאָן האָבן געזוכט שידוכים. מען האָט גע־חלומ'ט אריינצופאַלן אויב נישט צו אַ יונגן יידישן לאָרד, איז צו אַ סער. האָט דאָך עוועלין חתונה געהאַט מיט אַ לאָרד, וואוינט אין אַ פּאַלאַץ נישט ווייט פון טבריה, האָט דאָך רוט אַזוי רייך חתונה געהאַט. אויב ס'האָט אָפּגעגליקט עוועלינ'ען, אויב ס'האָט אָפּגעגליקט רוט'ען, פארוואָס זאָל עס נישט אָפּגליקן פּרענצים'ען, רעי'ען, לאָרע'ן? און געלעגנהייטן זענען דאָך פאראַן אַזויפיל. ס'איז נישט געווען די וואָך ס'זאָלן נישט אריבערקומען קיין ירושלים אַ לאָרד, אַ באראָן, אַ סער. ס'איז נישט געווען די וואָך ס'זאָל נישט אריבערקומען קיין ירושלים אַ יידישער מיליאָנער פון אַמעריקע. און ווי די געהויבענע געסט קומען אריבער, הויבט די ירושלימער „פּני" זיך אָן טומלען. היינט — אַ „פייף אָ קלאָק", מאָרגן — אַן אָוונט, איבערמאָרגן — אַ באַל. מען רעדט מיט אַזויפיל הארץ וועגן דער „כותל מערבי", וועגן „ים כנרת", וועגן צפת

און דער עיקר וועגן די קאָמוניסטישע קבוצות, וואָס אין גליל. דווקא זיי, די יונגע מאַגנאַטן, זענען אַזוי פאַרליבט אין די קבוצות.

אין ניו־יאָרק, אין באָסטאָן, אין שיקאַגאָ — וואו וואָלט אַ לערערין, און דערצו נאָך אָן אַ שטעל, געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט לאָרדן, מיט מיליאָנערן? און דאָ, אין ירושלים, האָט אפילו די ניו־יאָרקער „היברו" לערערין, עטל, געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צוריקצופאָרן קיין ניו־יאָרק אָן אַ רייכן מאַן. עטל איז שוין דעם צווייטן חודש געזעסן ביי מאַדאַם פּילד אין פּאַנסיאָן. געהייסן האָט עס, אַז זי לערנט זיך אין ירושלימער אוניווערזיטעט אַראַביש און תּלמוד. דאָס איז אָבער בלויז געווען אַן אויסרייד.

אין דער אמת'ן האָט עטל אין ירושלים געהאַלטן אין איין פיבערן. וואָס אַ חודש איז איר שווער אָנגעהאָרעוועט ביסל געלט אַלץ ווינציקער געוואָרן. מאַדאַם פּילד האָט יעדן חודש צוגענומען ביי איר זעכציק דאָלער פאַר פּאַנסיאָן. אויף קליינינקייטן — נאָך צען דאָלער. אין אַ זעקס, זיבן חדשים אַרום, וועט עטל בלייבן אָן אַ סענט, וועט בלייבן אויפן וואַסער, וועט ניט האָבן מיט וואָס אַהיימצופאָרן.

עטל האָט געהאַט טענות צו זיך אַליין. און אַז זי האָט געהאַט שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר? און אַז די הויט אויפן פּנים, אויפן האַלדז, אויף די הענט — איז געווען מאַט, איז געווען טונקל? אַזוינע פּנים'ער — עלעגאַנטע יידישע פּנימ'ער — באַגעגנט מען אין קיעוו, אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק. און אַז אירע פיס זענען געווען דין און בויגיג? און אַז זי האָט געשטעלט טריט אי ווי אַ פּאַווע, אי ווי אַ טויב? און אויב דאָס אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איז וואָס? און אויב עטל האָט אויסגענומען, איז מיט איר העברעאיש רעדן. צווישן די ברייטע פּתח'ס האָבן זיך געקייקלט ווייכע למד'ס, גאָר ווייכע. און אַז זי איז געווען אויפגעלייגט, צי אויפגערעגט און האָט זיך צערעדט שנעל, גאָר שנעל, האָט עטל'ס העברעאיש געקלונגען ווי שטיקער אַפּערע. און נישט בלויז העברעאיש האָט זי שיין גערעדט. עטל האָט אויך שיין גערעדט ענגליש, אויך שיין גערעדט פראַנצויזיש, אויך שיין גערעדט דייטש. און מכמוד, מאַדאַם פּילד'ס פאַר'חלומ'טער באַדינער, האָט צוגעגעבן, אַז די „גברת" עטל רעדט אויך שיין אַראַביש.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. ריכטיקער, דער טאָג האָט זיך גענומען זעצן און די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן. און דער פאַרנאַכט? נישטאָ אין ארץ ישראל קיין פאַרנאַכט. און אַז ער געדויערט פינף מינוט, און

אַז ער געדויערט זעקס מינוט, גליטשט זיך דער פּאַרנאַכט פאַרביי און מען זעט אים נישט, מען באַמערקט אים נישט.

אין אַזאַ פּאַרנאַכט האָט עטל אויף גיך איבערגעוואָרפן אַ האַלב טוץ קליידער, וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט אין ניו־יאָרק אויף דער פּער־צנטער גאַס. קיין איין קלייד איז איר איצט נישט געפעלן געוואָרן. דאָס גייט זי דאָך נישט אויף קיין ניו־יאָרקער „פּאַרטי", דאָס גייט זי אויך נישט אויף קיין ירושלימער „נשף", וואו יונגט טאַנצט, זינגט און טומלט. דאָס גייט זי צו עוועלינ'ען, וואָס איז געקומען פון איר טבריה'ער פּאַלאַץ, געקומען אויף אַ וואָך קיין ירושלים, שטייט אין אין „קינג דייוויד'ס האָ־טעל". עטל ווייס אַפּריער וואָער ס'וועט אַלץ דאָרט זיין. דער יונגער סע־מיועלס, דער יונגער מאַנטיפיאָר, און דער עיקר — דער יונגער פּרימאָ־ראָז. דער פאָטער זיינער — פון דור־דורות קעניגן און לאָרדן. די מו־טער — אַ ראָטשילד. דעם יונגן פּרימאָראָז קען עטל. זי האָט זיך מיט אים לעצטע וואָך באַקענט. ער איז צוגעשטאַנען, אַז עטל זאָל מיט אים רעדן העברעאיש, גע'טענה'ט אַז עטל'ס העברעאיש קלינגט שיינער ווי איטאַליעניש, קלינגט ווי שטיקער אָפּערע.

עטל האָט געקוקט אויף די ביליגע קליידער, וואָס זענען געלעגן אויפן בעט ווי הרוגים. קיין זאַך איז איר איצט נישט איינגעגאַנגען. אַלץ אַרום איר האָט זיך געזעצט, אַלץ האָט זיך געלאָשן — דער טאָג, די אייגענע חלומות. פאַר די אויגן האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ בראַנ־קסער טענעמענט־הויז. אַ גרוי הויז מיט „פייער־עסקייפּס". אויפן דריטן שטאָק דריי צימערן מיט אַ קיך. ס'איז היים, ס'איז דושנע, ס'איז נישטאָ מיט וואָס דעם אָטעם צו כאַפּן. דער פאָטער קומט פון דער אַר־בעט. ער איז הונגעריק, איז מיד, ער שלעפּט קוים די געשוואָלענע פיס. ס'קליינוואַרג מיידט אויס דעם פאָטער, רוקט זיך אין די ווינקלען. דער פאָטער וואַרפט אַראָפּ ס'רעקל, ס'וועסטל, ס'העמד. ער פרעגט אין דער וועלט אַריין:

— אפשר איז דאָ אַ בריוו?

— אוודאי דאָ — קומט די מוטער, אַ פאַרשמירטע, אַ פאַרשוויצטע אַריין פון קיך — כ'האָב שטענדיק גע'טענה'ט, אַז מיר וועלן נאָך דער־לעבן נחת פון עטל'ען, נאַ, לייען, זי האַלט דאָך ביי אַ כלה ווערן — —

— ביי אַ כלה ווערן? — נעמט דער פאָטער דעם בריוו און אויפן מידן, אויסגעמאַטערטן פּנים באַווייזן זיך שטיקלעך שמייכל — מיט וועמען?

— מיט וועמען ?

דאָס שנירל האָט זיך מיט אמאָל ביי עטל'ען איבערגעריסן. אין מוח איז געוואָרן פוסט, אונטערן הארץ — הויל. פון אונטערן בעט, פון אונטערן טיש, פון אלע ווינקלעך האָבן זיך גענומען רוקן שאָטנס. עטל איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס האָט זיך געהויבן איבער יפוער גאַס. וואו א קוק — דעכער, דעכלעך, קוימענס. און איבער די קוימענס — בערג און בערגלעך. ניי־ירושלים, אלט־ירושלים. און דאָרט פון הר־הצופים, וואו ס'הויבן זיך די אוניווערזיטעט געביידעס, קען עטל אפילו מיט צוגעמאַכטע אויגן זען דעם ים־המלח.

זי האָט צוגעשפּאַרט דעם הייסן שטערן צו דער קילער שויב, געקוקט ווי אויף א דאַך, געגנאיבער, האָט זיך א קאָטער קונציק געצויגן איבער א שמאָלן ראַנד, זיך געצויגן צו א קאַץ, וואָס איז געשטאַנען מיט אן אויפגעטורעמטן רוקן און געוואַרט.

אלץ אין עטלען האָט זיך א צי געטאָן, האָט זיך א ריס געטאָן צום יונגן פרימאָראָז, וואָס איז געוועזן דין, וואָס איז געוועזן הויך, נישט ברייט און קורץ, ווי טיטוס. און אז ס'פּנים זיינס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אן אפּאָלאָן, פון א יעזוס, פאַרוואָס זאָל עס אויך נישט האָבן עפּעס פון א טיטוס ?

עטל — בערעניקע.

אויב טיטוס האָט זיך פאַרליבט אין בערעניקע'ס פּים, אין בערעני־קע'ס טראָט, פאַרוואָס זאָל פרימאָראָז זיך נישט פאַרליבן אין עטל'ס קול, אין עטל'ס קלינגענדיקער אויסשפּראַך ? פאַרוואָס ?

עטל האָט נישט געהערט, ווי טירן האָבן זיך פאַרמאַכט, האָבן זיך געעפנט. און אז פרענסים, רעי, לאָרא, פאַרפּוצטע, האָבן אן עפן געטאָן עטל'ס טיר, האָט זי אויפגעציטערט :

— וואָס, איר גייט שוין ?

— ס'איז דאָך שפּעט.

— שוין באַלד אכט.

איינע פון די חבר'טעס האָט א דריי געטאָן אן עלעקטריש קנעפּל און די שטיקער חושך וואָס האָבן אָנגעפילט ס'צימער, האָבן זיך באַ־האַלטן אונטערן בעט, אונטערן טיש, אין די ווינקעלעך.

עטל אין אונטערקליידל האָט געוויזן מיט דער האַנט אויפן בעט, וואו איר גאַנצע גאַרדעראָבע איז געלעגן אָנגעוואָרפן און ס'קול אירס איז פול געוועזן מיט געוויין :

— כ׳האָב נישט וואָס אָנצוטאָן.

— האָסט דאָך מער פאַר מיר — האָט פרענסים גענומען איבער־וואַרפן די קליידער.

—אַלץ שמאַטעס.

— טו אָן ס׳ברוינע, — האָט פרענסים אַ הויב געטאָן אַ ברוין קליידל מיט שטיקלעך אַרבל.

— ניין, טו אָן ס׳גרויע — האָט רעי זיך אָנגערופן.

— און איך האַלט, אַז עטלען קליידט טונקל־רויט — האָט לאַראַ איר דערלאַנגט אַ טונקל־רויט קליידל — נאַ, טו אָן.

— נאָר מיר קבצנים האַלטן זיך אין איין „שטראָצלען", — האָט פרענסים אַ זאָג געטאָן מיט ביטול — כ׳האָב געזען, ווי זיי, די רייכע, טוען זיך אָן ! די יונגע לידי סעמיועלס האָט געטראָגן אַזאַ פּשוט קליידל... אַזאַ איינפאַך קליידל . . .

— ס׳קאָסט מער ווי אונדזערע אַלעמענס גאַרדעראָבעס — האָט עטל אויף ס׳ניי גענומען איבערוואַרפן די קליידער.

— ס׳וועט אַמאָל נעמען אַ סוף ? — האָט פרענסים זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— איין רגע און כ׳גיי — האָט עטל אַ קוועטש געטאָן ס׳גלעקל — וואָס מאַכמוד וועט מיר הייסן אָנטאָן טו איך אָן !

מאַכמוד אין דער ווייסער, לויזער קאַפּאָטע מיט די נאָך לויזערע אַרבל, אין די ווייסע ברייטע הויזן, איז נישט אַריין אין צימער, נאָר ער האָט זיך אַריינגע׳גנב׳עט מיט שטילע טריט, ווי אַ חיה. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ טונקל־רויטע פעסקע מיט אַ שוואַרצן טראָלד. די אויגן זיינע, אי שוואַרצע, אי טונקל פּערלמוטערנע האָבן געהאַט צו זאָגן :

— די „גברת" עטל וויל עפּעס ?

— זאָג, מאַכמוד — האָט עטל מיט אַ קול, וואָס איז געקומען פון טיפן האַלדז, אַ פרעג געטאָן אויף אַראַביש — וואָס פאַר אַ קלייד זאָל איך אָנטאָן ? וואָס פאַר אַ קלייד פּאַסט מיר בעסער צום פּנים ?

מאַכמוד׳ס טונקל פּנים האָט אויפגעלויכטן. פון דער טונקלקייט האָבן אַ פּאָר אויגן — שוואַרצע פייערדיקע אויגן — זיך פריער איינגע־געסן אין עטלען, דערנאָך אין די קליידער, און זיינע ווייסע ציין, ווי פרישער, ווייסער קעז, האָבן זיך צעלאַכט :

— דאָס שווארצע, „גברת" עטל. מאַכמודן געפעלט שטאַרק די גברת עטל אין שווארצן קלייד.

מאַכמוד האָט צונויפגעלייגט די הענט, צוזאמענגעדריקט די ליפּן — דין, דינער, גאָר דין, א שוואַרצער פויגל מיט ווייסע פליגל.

— מאַכמוד איז גערעכט — האָט עטל זיך צעלאַכט — מאַכמוד איז שטענדיק גערעכט!

ווייל מאַכמוד האָט ליב עטל'ען, — האָבן דער אראַבערס אויגן געברענט.

די מיידלעך האָבן געלאַכט . . .

## 9. שטיינער

ס'איז געווען שבת באַגינען.

אין קאָרידאָר האָט א קלאַפּ געטאָן א טיר. נעש איז געווען זיכער, אַז די שכנה זיינע, עטל, איז נאָר וואָס אריינגעקומען. ער האָט געהערט, ווי זי טוט זיך אוים איבער דער וואַנט, ווי זי לייגט זיך אין בעט אריין מיט א קרעכץ. ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

נעש האָט מער נישט געקענט שרייבן. ער האָט א שאר געטאָן פון זיך א זייטל פּאַפּיר, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט איין וואָרט — טיטוס, טיטוס, טיטוס. ער איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. פאַר די אויגן האָט זיך געבערגלט אַלט־ירושלים — א האַלב איינגעפאַלענע מויער, צעקרישעלטע טורעמס, טויערן, ווי היילן. און איבער דער מויער — אויסגעקרומטע דעכער און דעכלעך. און איבער די דעכער — א טרוקענע חמימה.

נעש איז אראָפּ אין גאַס אריין און האָט זיך פאַרנומען קיין מערב. ער איז אריין אין אַלט־שטאָט דורך יפו'ער גאַס. א טויער־זייגער האָט געשלאָגן אכט. אָנגעלאָדענע אייזלען, אָנגעלאָדענע קעמלען האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. פון די אראַבישע שפּייז־געוועלבלעך, פון די שענקלעך, פון די יאַטקעס, וואָס זענען שוין געווען אָפן, זענען אָנגעלאָפן אראַבער מיט כאָרכלענדיקע קולות. מען האָט געשריגן, געשריגן, אָפּגעשריגן און זיך גענומען פונאַנדערגיין. ס'איז צוריק שטיל געוואָרן.

אויף דער בשמים־גאַס האָט נעש זיך אָפּגעשטעלט לעבן א הויז, וואָס איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט א שטיינערנער וואַנט. אין דער וואַנט זענען געווען איינגעמויערט רויע שטיינערנע גליבעס, ברייטע, פיר־

עקיקע, ווי שטיקער טראַטואַר. מען האָט אים שוין נישט איינמאָל גע־האָט אָנגעוויזן, אַז די גרויע פּירעקיקע שטיינער זענען פונעם בית־המקדש. די כותל־מערבי איז געבויט פון דיזעלבע שטיינער.

נעש איז נאָך ביים כותל־מערבי נישט געהאַט געווען. ער האָט נישט געוואָלט גיין אַהין. פון ייִנגלווייז אָן האָט מען אים איינגערעדט, אַז די „וואַנט" איז אַ צעקרישלטע ציאָן, וואָס מען דאַרף אַרויסרייסן. און אַז ער איז געקומען קיין ירושלים, איז ער אַהין נישט געגאַנגען. שפּע־טער, ווען ער האָט גענומען שרייבן די דערציילונג פונעם צווייטן חורבן, האָט אים יאָ געצויגן אַהין. ער איז אָבער נישט געגאַנגען, האָט נישט געוואָלט ווערן סענטימענטאַל, האָט אויסגעמיטן די קליינע געסלעך און ליקלעך, וואָס האָבן געפירט צו דער „וואַנט".

ס'איז געווען שבת.

דאָ און דאָרט איז פון אַ הויף אַרויס אַ ייִד אין אַ שטריימל, אין אַ קאָלירטער אַטלעסענער קאַפּאָטע. דער טלית מיט דער ברייטער זיל־בערנער עטרה איבער די אַקסלען. פון די צעפלויגענע פּאָלעס האָבן אַפּערגעבליצט לאַנגע, ווייסע זאָקן, שוואַרצע, אָפּגעפּוצטע פּאַנטאָפל. מען האָט זיך געטראָגן אין מיטן גאַס מיט גדלות.

די אויסטערלישע ייִדן, וואָס האָבן נעשן צוגעוואָרפן אַ ברייטן „גוט־שבת", זענען אים געוואָרן נאָענט. ער האָט זיי נאָכגעקוקט, ווי זיי גייען אַליין, ווי זיי גייען מיט די ווייבער, ווי זיי גייען מיטן גאַנצן הויז־געזינט. דאָס גיין האָט נעשן מיטגעשלעפּט. ער האָט זיך פאַרנומען רעכטס. קולות, אי שטילע, אי באַנומענע, זענען אים מיט אַמאָל באַ־פאַלן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געוואָלט מיט איין בליק אַרומנעמען — מזרח, מערב, צפון, דרום. ער האָט געוואָלט אַרומנעמען דעם גאַנצן המון, וואָס איז געווען צעוואָרפן אין מנינים, אין קרענצלעך, ביחידות. נעשעס אויגן האָבן נאָך אַלץ געזוכט דעם כותל־מערבי:

וואו איז ער?

אָט דאָס טאַקע איז דער כותל־מערבי?

פון אָט דעם פּלאַץ האָט זיך טאַקע די שכינה קיינמאָל נישט אָפּ־געטאָן?

נעש איז געבליבן שטיין פאַר אַ ווייל אָן אָטעם, געבליבן שטיין מיט אַ הוילקייט אַרום האַרץ. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן — שטיינער, ברייטע שטיינער, לענגלעכע שטיינער, פּירעקיקע שטיינער, דורכזיכטיקע שטיינער — אַ שטיינערנע וואַנט. און אַרום דער וואַנט

— יידן פון אלע עקן וועלט. יידן פון בבל, פון קורדיסטאן, פון בוכא־רע. יידן פון פערסיע, פון עגיפטן, פון טוניס, פון תימן. פוילישע יידן, רוסישע יידן, ענגלישע יידן, אמעריקאנער יידן. פרויען מיט אויערינג־לעך, מיט רייפלעך אין די נעז, מיט בראנסלעטן ארום די קנעכלעך. „פלעפערקעס" מיט יינגליש געשווירענע האר. טייל האבן געדאווענט מיט א מנין, טייל — ביחידות. א ייד אין א בלויער אטלעסנער קאפאטע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, האט געגראבן דעם קאפ אין אן אויסגעגעסענעם שטיין און געזאגט, „זוהר" מיט א ברען. א דינע פרוי, א געוויקסיקע, מיט גאר שמאלע פלייצעס האט זיך געצויגן איבער דער וואנט. מיט דורכזיכטיקע פינגער, האט זי געגלעט די שטיינער, זיי געקושט מיט די אויגן, מיט די ליפן, מיט די באקן.

א פרעמדער איז נעש געגאנגען צווישן עולם. ער האט זיך געשארט הארט לעבן דער וואנט. אין די שטיינער־שפאלטן האבן געשטעקט קוויט־לעך. נעש האט געשלעפט איין קוויטל נאך צווייטן, זיי געלייענט. כמעט אלע קוויטלעך האבן געהאט איין געבעט — פרנסה און קינדער. און די קינדער — דוקא יינגלעך, נישט קיין מיידלעך. צווישן דרייסיק תכלית־קוויטלעך האט זיך פארוואַרגעלט איין קוויטל, וואו א ייד האט געבעטן כח צו עבודת־הבורא.

די פרעמדקייט און וואכעדיקייט איז אין נעשן געוואקסן.

צוויי פוילישע יידענעס, אין שטערנטיכלעך, האבן פארגעסן אז זיי זענען אהערגעקומען תפילה־טאן. זיי האבן זיך צוגעהערט, ווי א שפאני־אליש ווייבל האט מיט הארץ אריינגערעדט אין דער וואנט אריין. איינע פון די יידענעס האט זיך א הויב געטאן איבער דער צווייטער, איר שטיל איינגערוימט:

— האט מן הסתם א שווער הארץ.

— די „פרענקינע?" — האט ד י צווייטע געענטפערט מיט שמיי־ליקע ליפן און געוויזן מיט א גראבן פינגער אויפן שפאניאלישן ווייבל — גלייבסט טאקע אז זיי שטאמען פון אברהם־אבינו?

— אז מען פארשטייט נישט זייער לשון — האט די ערשטע אריינ־גערעדט דער צווייטער אין אויער אריין — ביי מיר וואשט איינע קען זי די נאז נישט אויסשנייצן. אנשטאט אן אויערינגל, טראגט זי גאר אין דער נאז א זילבערן קנעפל.

ביידע יידענעס האבן זיך שטיל צעלאכט.

עולם — טליתים איבער אקסלען, טליתים איבער קעפ — האבן גע־

האַלטן אין אָנקומען מינינימוויז. דאָ האָט מען געזאָגט „קדיש“, דאָרט האָט מען אריינגעכאַפּט אַ „קדושה“, געזאָגט הויך, געזאָגט אין געאייל און מיט אַזאַ התלהבות, און מיט אַזוינע פּאַרריסענע קעפּ און מיט אַזוינע צעשפּרייטע הענט, נאַקעטע הענט, צעוויגטע הענט, אַז דער שטילער, הייסער שבת־פרימאָרגן האָט אויפגעציטערט, האָט זיך געריסן איבער דער „וואַנט“, איבער ירושלים, הויך, העכער — קדוש, קדוש, קדוש!

נעש איז מיטגעריסן געוואָרן. ס'האָט אין אים זיך אָנגעהויבן עפּעס איבערצוואַנדערשן. אוים פּרעמדקייט, אוים וואָכעדיקייט. ער האָט זיך געדרייט צווישן די מניינים, צווישן די הויזגעזינטן, וואָס זענען אָנגעקומען, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען. טענות, אָן ווערטער, זענען אויפגעגאַנגען אין אים:

— חלוצים? קבוצות? דאָס קען מען האָבן נישט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין קרים, אין כערסאָן, אין ניו־דזשוירזי, אין קאַליפאָרניע, אין אַרגענטינע. און וואו נישט? און די שטיינער — אָט די דורכזיכטיקע שטיינער? דאָס איז מער, ווי אַ שטיקל וואַנט, וואָס קרישלט זיך, מער ווי אַ חורבה, מער ווי ליריק. ווען די נשמה פון אַ גאַנץ פאָלק בענקט, שווייגט, וויינט, הערט דער יחיד אויף צו זיין מיט זיך אַליין, העלפט מיט פרייד שלעפּן די אויסגעבויטע, אַרומיקע וועלט, דערפילט אין זיך דעם אָטעם פון גאַנצקייט, פונעם „אחד“, דערפילט אין זיך די זיכערקייט, אַז ס'שטייט אַ וועלט. און די קולות, די געוואַלדן, וואָס הייבן זיך איבער דער „וואַנט“, איבער ירושלים? דאָס איז פאָלקפּאַטאָס!

נעש האָט זיך מער נישט געדרייט צווישן המון. ער האָט זיך געאיילט, זיך געטראָגן אַרום און אַרום דער „וואַנט“. האָט ער עמיצן געזוכט? זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דינער פרוי מיט די שמאָלע פּלייצעס, וואָס האָט זיך געקלאַמערט צו די שטיינער, זיך געצויגן איבער דער וואַנט, ווי זי וואָלט געוואָלט אריין צווישן די שפּאַלטן. די זון, אַ יונגע, אַ צעפלאַמטע, האָט פאַרטשעפּעט אַ שטיק ציגל־וואַנט, וואָס איז געווען צוגעמויערט צום „כותל“. שטראַלן האָבן זיך צעשאָטן איבער די שטיינערנע פּליטעס, איבער דער פרוי מיט די שמאָלע פּלייצעס. איר פּנים בלאַס און דורכזיכטיק, ווי די שטיינער — האָט אויפגעהעלט מיט אַ וואַרעם, וואַקסן ליכט. דער בליק, ווי נישט פון דער וועלט, האָט אים דערמאָנט זיין אייגענע מוטער, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ ראַק.

דעם לעצטן פריטיק פארן טויט האט זי געבעטן מען זאל איר צוטראגן די לייכטער צום בעט. זי האט געוואלט ליכט־בענטשן. די מוטער האט א הייב געטאן די הענט, א הייב געטאן די אויגן און דאס פנים, וואס איז געווען דאר, איינגעלאפן און צעוויטאגט, איז מיט אמאל געווארן אזוי ליכטיק, אזוי דורכזיכטיק, ענלעך צו דעם פנים, וואס האט זיך געקלא־מערט צום שטיין. דער מוטערס לעצטער בליק איז אים שוין פארבליבן אויף שטענדיק אין זכרון.

א הייסע קנויל האט זיך נעשן א שפאר געטאן אין האלדז אריין, געטריבן ס'בלוט אין די שליפן. ער האט געקוקט אויף דער צעקרישל־טער וואנט, געקוקט אויפן המון, וואס רייסט קברים. אלץ צעטראטן. אלץ באליידיקט, דערנידרעקט, באשפיגן. פארוואס בילט ער נישט, ווי א הונט? פארוואס וואיעט ער נישט, ווי א וואלף?

נעש האט זיך געהויבן איבער די טרעפלעך, איז פארביי די ענגלישע וואך. ער האט זיך געטראגן איבער געסלעך, מער נישט געהערט, ווי מען זאגט אים „גוט־שבת” און איבערן גאנצן לייב האט זיך דורכגעטראגן אזא גרימעריי, ווי טיף אין אים וואלט א הונט זיך געיאגט נאך א קאץ.

נעש האט זיך דערוויטערט פון דער „וואנט”. ער האט זיך גע־איילט, איז כמעט געלאפן און האט זיך נישט אויפגעהערט צו ווישן די אויגן, וואס זענען געווען טרוקן, ווי פייער. פארוואס וויינט ער נישט? ווי זאל ער וויינען, ווען ס'גייען אין אים אויף די פלאמען פון דער עקדה, די פלאמען פון שייטער הויפנס? ס'האט אים מער נישט געארט, וואס ער געהערט צו א געפייניקט פאלק. טיף אין אים איז געזעסן די זיכער־קייט, אז צו זיין א ייד, צו זיין א געפייניקטער, איז א זכיה.

ביים יפו'ער טויער האט זיך נעש אפגעשטעלט.

אן המון, א פינצטערער המון, מיט אייזערנע דרענגער, מיט שפאד־לעם, מיט העק, מיט א כארכלדיק גמרא־לשון, איז אים אנטקעגן געקומען.

גייט דא יהושע־בן־נון איינעמען יריחו? — פארוואס בלאזט מען נישט אין די שופרות?

נעש האט אפגעשטעלט איינעם פון המון:

— וואס איז דא, יהודי? וואוהין קלייבט איר זיך?

— נקמה נעמען האט דער „יהודי” אוועקגעלייגט דעם שפאדל צווישן די פיס און אנגעהויבן צו רעדן מיט די הענט, מיטן שווארצן שי־טערן בערדל, מיט די ברייטע ווייסע ציין — נקמה נעמען.

— פון וועמען?

— פון די הינט, פון די אראבער.

— פארוואָס ?

— הערט און שטוינט — האָט דער פארשוין זיך צורעדט אזוי הויך, ווי ער וואָלט נישט געהאַט ארום זיך בלויז נעשן, נאָר א גאַנצן עולם — דעם דאַנערשטיק איז מיין פאָטער געשטאָרבן. מיר, קורדיס־טאַנער יידן, זענען מקבר א טויטן, דריי שעה נאָך דער פטירה. צו דער לויה איז קיין גרויסער עולם נישט געקומען. א וואָכנטאָג — מענטשן ארבעטן. ס׳בית־עלמין איז לעבן אַן אַראַביש דאָרף. די הינט, די אראַ־בער, האָבן באַוואָרפן די לויה מיט שטיינער. ס׳איז געווען, זאָג איך אייך, אַן אמת׳ער חלול־המת. היינט איז שבת, שבת־שבתון, קורדיס־טאַנער יידן ארבעטן נישט אום שבת, גייען מיר נקמה נעמען. מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אראַבישן דאָרף. דאָ ביים יפו׳ער טויער דאַרפן מיר זיך אַלע טרעפן.

פלאַמען זענען אויפגעגאַנגען אין נעשן. ער האָט געפיבערט. טענות זענען אים באַפאַלן, זענען צוגעשטאַנען און געמאָנט, ווי ס׳מאָנט א הונגעריקער שטוב־חיה:

— וואו איז ס׳גרויסע מענטשלעכע וואָרט, וואָס איז מיט טויזנטער יאָר קריק געקומען פון ירושלים, געקומען, ווי א רוף צו דער וועלט: אוים מיט אונטערדריקטע פעלקער!

דאָס גרויסע וואָרט פון ירושלים איז נע־ונד, וואָגלט ערגיץ איבער באַרג און טאָל פון יהודה, האָט קיין תיקון נישט. שטייען — ייד, אראַ־בער, לייבלעכע ברידער, ווי דם־שונאים:

— כלב יהוד!

הונט אראַבער!

בלויז ס׳גרויסע וואָרט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, וואָס האָט אויסגעלייזט מאָסקווע, בלויז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קען אויך אויסלייזן און באַפרייען ארץ־ישראל, קען פאַרברידערן דעם ייד מיטן אראַבער.

נעש האָט זיך געאיילט אהיים, זיך געאיילט אין מים פילד׳ס מעב־לירטע צימערן.

ס׳הארץ האָט שטיל געוויינט פאַר הערש־לייבן, דעם קופערשמיד, פאַר דער דינסט פנינה׳ן, פאַר דער עלעגאַנטער מים עטל, פאַר די פאַר־חשכ׳טע יידן, די „שואבי־מים", פון קורדיסטאַן. ס׳הארץ האָט אויך גע־וויינט פאַר די אומגעקומענע פיאָנערן פון דער דגניה׳ער אין עין־

חרודער קאָמונעס. אויף זייערע מצבות שטייט — דער'הרגט, דערמאָר־דעט, זיך געטויט, פאַרברענט פון קדחת. און הינטער דעם ווייטיק — אַ באַליידיקט פאָלק — אַ גאַנץ פאָלק, וואָס בענקט, וואָס וויינט, וואָס שווייגט, וואָס מוז קריק יונג ווערן.

## 10. אין סאַנאַטאָריע מוצא

נעש האָט זיך איבערגעוואָרפן אויפן געלעגער, איז געווען זיכער, אַז ער איז נאָר־וואָס איינגעשלאָפן, און האָט מיטאמאָל ברייט צעעפנט די אויגן:

— וואָס, סאיז שוין גרויסער טאָג?

בערג און טאָלן, באַשאָטן מיט צעקרימטע אויבס־ביימער, האָבן זיך געשפּאַרט מיט אַזאַ יונגער גרינקייט אין דעם צעעפנטן פענצטער אַריין, אַז די לופט אין צימער האָט זיך געגרינט.

אַן אויסגעשלאָפענער, אַ לייכטער, איז נעש אַראָפּ פון געלעגער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל. ס'איז געווען פינף פאַרטאָג. ער האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס די פיס זענען ביי אים אַזוי לייכט, דער מוח אַזוי לופטיק, קיין זכר פון דער נעכטיקער מידקייט, און געשלאָפן איז ער איינגאַנצן אַ פינף שעה.

אונטערוועגנס, צווישן תל־אביב און ירושלים, איז דער אויטאָמאָביל קאַליע געוואָרן, און נעש מיטן שאופער האָבן זיך אַרום עלף ביינאַכט קוים דערשלעפּט אין דער סאַנאַטאָריע מוצא.

נעש האָט זיך אויף גיך איינגעוואַשן, נאָך גיכער זיך אָנגעטאָן. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן אָפענעם פענצטער, געקוקט רעכטס, געקוקט לינקס, געוואָלט זען, צי ס'וואַקסן טאַקע אין מוצא ווערבעס. סוכות־צייט פלעגט מען דאָך פון דאָרף מוצא ברענגען קיין ירושלים הושענות.

ס'האָבן זיך געצויגן סעדער, גערטנער. און איבער די גערטנער, אויפן העכסטן בערגל, — חורבות, אַן איבערבלייבעניש פון אַ רוימישער פעסטונג, וואָס האָט געדאַרפט פאַרשטעלן דעם וועג קיין ירושלים.

נעש האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס ס'טרייבט אים. אַן אומרו האָט זיך געלייגט איבער אים, דער אומרו, וואָס באַפאַלט אים אַזוי אָפט, ווען ער זיצט ביים שרייבטיש. דער בליק אין די אויגן ווערט אַן אַנדער־רער, אַ פרעמדער, ווי נישט פון דער וועלט. דער בליק, וואָס איז אויס-

געלאָשן פאַרן אַרום, קריכט דורך ווענט, קריכט דורך הייזער, דערזעט זאַכן, וואָס זענען מער נישט בנמצא.

נעש האָט זיך געאײַלט. ער האָט דער ערשטער געוואָלט אַרויס אויף די וועגן, געוואָלט באַגעגענען יענעם פרימאָרגן, ווען שליחים זענען געקומען צו די אײַנוואוינער פון קרית־יערים, אַזוי צו זאָגן:

"— — — די פּלשתים האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט. נידערט אַראָפּ, נעמט אים אַרויף צו אײַך. און די מענטשן פון קרית־יערים זענען געקומען און האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט און אים געבראַכט אינעם הויז פון אבינדוב'ן, אויפן בערגל".

אויף וואָס פאַר אַ בערגל?

אַ קו האָט זיך צעמעקעט. אַ צווייטע האָט איר געענטפערט. נעש האָט זיך אײַנגעהערט אינעם טרויעריקן מעקען, וואָס האָט זיך געקייקעלט פון באַרג אין טאָל, און זײַנע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די וועגלעך און אונטערוועגלעך, געזוכט די יונגע קו, וואָס מעקעט, געזוכט גאָטס אָרון.

נעש איז נישט געווען דער איינציקער צו באַגעגענען דעם פרימאָרגן. אַ מענטש איז שוין געשטאַנען אויף די קני צווישן די בייטען און האָט זיך געגראָבן מיט די פינגער אין דער ווייכער, קילער ערד. נעש האָט געפילט, ווי ס'גייט אין אים אויף די פרייד פון גראָבן זיך אין דער ערד, אַ פרייד, וואָס געבערט, וואָס פאַרזיכערט דעם מענטשן, אַז וואו ער האָט צוגעלייגט זײַנע פינגער, וועט אַרויס אַ פלאַנץ. נעש איז אַרײַן צווישן די בייטען, האָט באַגריסט דעם אַרבעטער און אַ זאָג געטאָן:

— ס'דאַרף זײַן אַ גרויס גליק, ווען אַ מענטש קאָן זיך חבר'ן מיט דער ערד.

אַ שטרויענער קאַפּעלוש מיט גאָר ברייטע ראַנדן האָט זיך אַ הויב געטאָן. ס'פּנים — נאָז, אויגן און באַקנביינער — האָט זיך פריער גע־ווענדט קיין מזרח, וואו די זון, אַ נײַ־געבוירענע, האָט זיך געריסן פון טאָל. דערנאָך האָט דאָס אָפּגעברענטע, אָפּגעצערטע פּנים, אַ פאַרעל־טערט פּנים, אַ קוק געטאָן אויף נעשן אי מיט חידוש, אי מיט ביטול.

— איר קומט אודאי פון חוץ־לאָרץ, — האָט דער אַרבעטער זיך אַ שמייכל געטאָן אויף די שטייפע פּיס. — אַלע וואָס קומען פון חוץ־לאָרץ מיינען, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי זיך צו גראָבן אין דער ערד. אין דער ארץ־ישראל'דיקער ערד — אודאי און אודאי. דאָס האָט מיר אויך געזאָגט ד"ר. הערצל, ווען איך האָב אים געהאָלפן פאַרזעצן

אויפן שפּיץ בארג אַ יונגן צעדער, וואָס די טערקן האָבן אָפּגעהאַקט אין דער מלחמה.

— און איר האַלט, אַז ס'איז נישט קיין גליק? — האָט נעש זיך געכאַפּט, אַז ס'שטייט פאַר אים אַ מענטש, וואָס איז אַלט געוואָרן פאַר דער צייט.

כ'ווייס — האָבן דעם אַרבעטער'ס מויל־ווינקלען זיך צעשמייכלט — כ'קאָן אייך פאַרשאַפן דאָס גליק. אַז איר ווילט, בלייבט אַרבעטן אַ טאָג אין גאָרטן. ס'איז פאַראַן וואָס איבערצוזעצן, מען דאַרף אויס־יעטן שלעכטע געוויקסן. איך האָב אָבער מורא, אַז ווען איר וועט אָפּ־זיצן אויף די קני פון זונאויפגאַנג ביז זונפאַרגאַנג, וועט איר דערשפּירן דעם טעם פון „בזיעת אפּך". דעמאָלט וועט איר זיך דערוויסן, אַז אויב אַרבעט איז אַ קללה, איז ערד־אַרבעט — די תוכחה אַליין. איר, טו־ריסט, ווי טויזנטער פאַר אייך, זענט דאָך אודאי געקומען קיין מוצא זוכן הושענות, ווייל ס'שטייט ערגעץ אין דער גמרא, אַז מוצא האָט צו־געשטעלט הושענות קיין ירושלים. זאָג איך אייך, אַז איר וועט אין מוצא קיין ווערבע נישט געפינען. איר, גלות־יידן, לעבט מיטן „אַמאָל". דער רבי פלעגט טייטשן: „נחל — אַ טייכל". און אין ארץ־ישראל וואו איר וועט צוקומען צו אַ „נחל", איז עס אַ טריקעניש. דאָ איז אַלץ אַנדערש!

די אַרומיקע שטילקייט, וואָס האָט נאָך געטראָגן אין זיך נאָש־ריחות פון עפּל־בליעכץ, האָט אויפגעציטערט. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אַ הויב געטאָן איבערן גאָרטן. פונם שטויב האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ, וואָס איז געבליבן שטיין פאַרן סאַנאַטאָריע־אריינ־פאָר.

דער אַרבעטער האָט אַ וויש געטאָן אָן די הויזן די ערד פון די הענט און זיך איינגעקוקט ווער ס'איז אָנגעפאָרן. ער האָט געזאָגט:

— צו־פרי פאַר געסט.

פון דעם פּאַסאַזשיר־אויטאָ האָבן זיך אַרויסגעשאָטן איבער צוויי צענדליק יונגעלייט, וואָס מען באַגעגנט אין די ישיבות פון אַלט־ירושלים. זיי האָבן געטראָגן שוואַרצע אַלפּאַגענע כאַלאַטלעך, שוואַרצע רבנישע קאַ־פּעלושלעך. אויף די אויסגע'דבקה'טע פּנימ'ער — לאַנגע געקרייזטע פּאות.

די יונגעלייט, איבערגעשראָקענע, האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. זיי האָבן דערזען נעשן מיטן אַרבעטער און זיך גענומען דורכ־

רעדן מיט די אויגן, מיט די הענט. צוויי פון די יונגעלייט זענען אונ־טערגעקומען און זיך געפרעגט:

— וואו גייט מען דאָ צום „ארז־הערצל"?

דער אַרבעטער האָט אַ הויב געטאָן די אויגן אויף די צוויי אירע, זיי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן צו דער כנופיה, וואָס איז געבליבן שטיין אַרום דעם אָמניבוס, און ס'קול זיינס איז פול געווען מיט בייזער:

— איר ווייסט, אַז דאָ אין מוצא איז אַ סאַנאַטאָריע? אַז אַרבע־טער קומען אַהער אַרויס זיך אָפּרוען? און אַז איר כאַפּט זיך אויף מיט די הענער גלייך און ווילט דווקא דעמאָלט עולה־רגל זיין קיין מוצא, איז עס אַן עולה! איר לאָזט נישט שלאָפן!

די יונגעלייט האָבן געפּינטלט מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך דער־פילט שולדיק, און גאַרנישט געענטפערט. דער אַרבעטער האָט געוויזן אויף אַ שמאָל שטעגל:

— אַז איר וועט אַרויפקומען אויפן באַרג, אויף דער „הרצליה", נעמט זיך רעכטס. דאָרט וועט איר זען אַ שטאָם פון אַ בוים אַרומגע־רינגלט מיט שטיינער.

פאַלעס זענען זיך צעפלויגן, קאַפּעלושן האָבן זיך גערוקט פון קאָרק אויפן שטערן. מען איז געגאַנגען איינציקווייז, געגאַנגען גיך, ווי צו אַ דבר־מצוה, ווי מען וואָלט געדאַרפט אָפּטאָן אַ נויטיקע שליחות. ביי אַנדערע יונגעלייט האָבן פון צווישן די שוואַרצע צעפלויגענע פאַלעס אַרויסגעבליצט ווייסע, לאַנגע זאָקן.

נעש איז זיי נאָכגעגאַנגען.

די זון האָט זיך געריסן פונעם טאָל, זיך געהויבן איבער די בערג־לעך, באַהאַלטן צווישן די פלאַנצן גאָלד און זילבער. און דאָרט וואו די בערגלעך זענען געווען נאַקעט האָבן זיי אונטער דער הייסער זון אויס־געזען ווי אַ געשווילעכץ.

נעש האָט אויפגעציטערט.

די יונגעלייט האָבן זיך צעשטעלט אַרום דעם „הערצל־שטאָם" אין אַ ראָד, זיך צעשטעלט, ווי לויט אַ קאָמאַנדע, און זיך צעשאָקלט מיט אַ ברען, ווי צו כל־נדרי:

— שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו, כי חרם הוא!

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי גיך, אַז ווען די יונגעלייט, ווי שוואַרצע קראָען, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פונעם „ארז־

הערצל", ערשט דעמאָלט האָט נעש זיך דערמאָנט, אַז נאָכן „שטע תשקצנו" האָט די גאַנצע כנופיה דריי מאָל אויסגעשפּיגן. נעשן האָט די נכפה געגעסן. וואָס מאַכט ער נישט קיין געוואַלד? אָט ליגן דאָך אַזויפיל שטיינער, פאַרוואָס פלעט ער נישט כאָטש איינעם פון דער כנופיה דעם מוח? נעש האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, איז געשטאַנען ווי אַ געליימטער. און כאָטש ער האָט פאַר זיך געזען דעם אָפּגעהאַקטן צעדערבוים, געזען די ירושלימער יונגעליט, אין שוואַרצן, ווי רויב-פייגל, איילן זיך באַרג־אַראָפּ, איז ער אַלץ נישט זיכער געווען, צי ער האָט דאָס טאַקע אַליין געזען, צי ער האָט דאָס געלייענט אין די „פוילישע וועלדער", וואו חסידים זענען משתין אויף בערעק יאָסעלאָוויטש'עס קבר.

פון טאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. דאָס האָבן די „קריגער", וואָס זענען איינציקווייז אַריין אין דעם פּאַסאַזשיר־אויטאָ, געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן באַזיגט דעם „שונא".

— וואָס איז די שמחה אויף איך, פּראַים? — איז אָנגעלאָפן דער אַרבעטער מיט אַ שטעקן — וואָס פאַר אַ זינגען, ווען דער עולם שלאָפט?

דער אַרבעטער האָט זיך פאַרמאָסטן מיטן שטעקן אין לידיקן חלל אַריין. דער פּאַסאַזשיר־אויטאָ איז פאַרשוואונדן אין דעם אייגענעם שטויב, וואָס ער האָט געהויבן אַרום זיך.

---

פונעם וואָלקן־שטויב, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין זעצן, האָט זיך אַרויסגעשיילט דער שאָפער, אַ געבויגענער, ווי ער שטייט פאַרן מאָטאָר און דרייט אים אָן מיט אַזאַ רציחה, אַז די געפּאַסטע קאַקי־הויזן פּלאַצן שיעור נישט אויף זיין בכבוד'יקן געזעס. דער שאָפער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— וואָס, אדון נעש, מיר פאָרן?

ער האָט נישט געוואַרט אויף נעשעס ענטפער און ס'האָט פון אים אַרויסגערעדט:

— ווען איך כאַפּ די ירושלימער „קעסט־קינדער", די מנוולים!

נעש האָט זיך אָפּגערעכנט ביי דער קאַסע. ער האָט זיך אָוועקגע־זעצט לעבן שאָפער. דער מאָטאָר האָט זיך העכער צעסאָפּעט און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט זיך דערווייטערט פון דער סאַ־נאַטאָריע מוצא. דער פרימאָרגן איז שוין געווען אַ הייסער, כאָטש די זון האָט זיך נאָך ערגעץ אויסבאַהאַלטן, בלויז געשיקט איבער דעם טיף־

בלויען הימל פייערדיקע פיילן, וואס האבן געצונדן דא אביימל אין גרי־נעם גאלד, דארט א קעמל אויף א בארג.

ביים אספאלט שאסע, וואו וועגן האבן זיך געקרייצט, איז געשטא־נען אן איבערגעוואקסענער פארשוין אין א שטרויענעם אפגעטראגענעם העלמעט, וואס ענגלישע פאליציאנטן טראגן. דער פארשוין האט פריער א הייב געטאן איין האנט, דערנאך די צווייטע און אזוי איז ער פאר א וויל געבליבן שטיין, ווי אן אויסגעבויגענער צלם. און אז דער אויטא־מאביל האט זיך דערנענטערט צו אים, האט ער זיך צערעדט האלב אין העברעאיש, האלב אין יידיש:

— איר פארט קיין תל-אביב? נעמט מיך מיט.

— וואס, אויפנעמען? — האט דער שאפער א פרעג געטאן נעשן און דער בליק זיינער האט זיך געשארט איבערן פארשוינס העלמעט, איבערן העמדל, וואס ס'איז שווער געווען צו זאגן צי ס'איז ברוין, צי געל — ס'וועגד זיך אין איך, אדון נעש.

— א מענטש בעט דארף מען אים אויפנעמען.

א נישט אויפגעלייגטער האט דער שאפער געעפנט ס'טירל. און אז דער פארשון האט זיך אריינגעזעצט, האט דער שאפער איינגערוימט נעשן:

— כ'וואלט געשוואוירן אז ס'איז איינער פון דעם „דוטשי'ס" אט־יודאנטן.

— וועמעס? — האט נעש געפרעגט.

— זשאבאטינסקי'ס — האט דער שאפער נאך שטילער געזאגט.

— מער יחוס ווי צו זיין א הסתדרות'דיק.

דעם פרעמדנס ענטפער איז געקומען אזוי אומדערוואַרט, אז דער שאפער איז געבליבן א וויל אן לשון. דאס האט דעם פרעמדן געגעבן די אויבערהאנט איבערן שאפער און ער האט ווייטער גערעדט:

— אויב ס'איז דא אויפן היגן יידישן ישוב א נגע־צרעת, כ'מיין אן אויסשלאג, וואס איז אנשטעקנדיק און וואס ס'איז א מצוה אויסצו־ברענען, איז דאס די הסתדרות, וואס וויל איינפירן אין ארץ־ישראל סאָ־ציאליזם, קאמוניזם.

— און איר, ברוינע העמדלעך, וועט נישט לאזן איינפירן אין ארץ־ישראל קיין סאציאליזם, הא? — האט דער שאפער אזא האסטיקן שטעל אפ געטאן דעם אויטאמאביל, אז ס'האט נעשן צוויי מאל אונטערגעהויבן פון געזעס — נישט דערלעבן וועט איר עס, פאשיסטן!

דער שאָפער האָט מיט רוגזה אויפגעפּראַלט ס'טירל פון דער מאַ־שין, געוויזן מיט דער האַנט דאָ אויפן פרעמדן, דאָ אויפן פינקלדיקן אַספאַלט־וועג און זיך צעשריען, ווי אַ באַנומענער:

— כ'זאָל וויסן מיטן קאָפּ צו פאַרלייגן, וועל איך קיין איין טראָט ווייטער נישט פירן! געגאַנגען! גע—גאַנ—גען!

און אַז דער פרעמדער האָט דערפילט אונטער די פיס דעם אַספאַלט, האָט ס'איבערגעשראָקענע פּנים, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ביטול, געהאַט צו זאָגן:

— כ'האָב דיך אין דר'ערד מיטן אויטאָמאָביל!

דער שאָפער האָט זיך נישט געקענט שטילן, זיך איינגעקליאַמערט מיט ביידע פויסטן אינעם טרייב־ראָד, געיאָגט די מאַשין און געריעדט צו זיך:

— אַזאַ הונט מיט אויערן! אַזאַ שטרייק־ברעכער!

## 11. דער סטרייק

קיין וואָלקנדל, קיין שאָטן. דער הימל — טיף בלוי, דער ים — גרין. די זון, וואָס האָט געברענט, געבלענדט, האָט דורכזיכטיק געמאַכט די לופט, ברייטער און בולט'ער דעם שטח, אַז דאָס אויג האָט לייכט געקענט אַרומכאַפּן און אויסשיילן גאַנץ יפו, וואָס איז געלעגן אַן אַנגע־וואָרפענע אויף אַ בערגל.

עולם האָט זיך געאיילט, האָט זיך געשטופּט אָן אויפהער מיט די טראָטואַרן, מיט די גאַסן, ווי תל־אביב וואָלט נישט געהאַט קיין ניינציק טויזנט איינוואוינער, נאָר אַ מיליאָן. דאָס האָט מען זיך געאיילט צו די אָמניבוסן, צו די דראָזשקעס, צו די טעקסיס, מורא געהאַט צו בלייבן ערגיץ שטעקן אין שטאָט, ווען אין תל־אביב וועט זיך אַלץ אָפּשטעלן — די אַרבעט, דער האַנדל, אפילו דאָס עסן אין די רעסטאָראַנען.

עס איז געווען האַלבצוועלף. נאָך אַ האַלבע שעה און דאָס גאַנצע יידישע ארץ־ישראל וועט אַרויס אין אַ זיבן שעה'דיקן סטרייק קעגן ענג־לאַנד, וואָס דערגייט דעם יידישן ישוב די יאָרן.

אויף עלענבי גאַס, האַרט לעבן ים, זענען געווען צוואָרפן אַרבעטער. שיך צעפּאָרענע, צעפּרעסענע פון שטויב און קאַלך. אַרום די לענדן—שטיק־לעך הויזן. און די נאַקעטע לייבער — ברוינע, ערדענע, קופּערנע — האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל זון, אַזויפיל גאָלד, וואָס דער הייסער טאָג האָט מיט רחבת געשפּרייט. .

מענטש, קעמל, אייזל — אַלע אין זיבן שווייסן — האָבן געשלעפּט זעקלעך זאַמד, זעקלעך צעמענט, זעקלעך זשוויר, געשלעפּט הייסע עמערס סמאָלע. דאָס אַלץ האָט מען געשליידערט, געבראַקט אין אויפגעריסענע מאַשין־בייכער. די בייכער האָבן זיך גענומען דרייען. זשוויר־זאַמד צעמענט־סמאָלע האָבן זיך גענומען מישן, האָבן זיך גענומען קנעטן מיט אַזאַ געגריליץ, מיט אַזאַ געעגבער, אַז די ציין זענען געוואָרן אייליק. דעם אַספאַלט האָט מען געגאָסן אין טאַטשקעס, זיי געפירט צו דער פריש אויסגעברוקירטער גאַס, וואו מען האָט די וועגעלעך אויסגעליידיקט. וואַלץ־מאַשינעס מיט פאַרריסענע העלדזער האָבן זיך געקייקעלט איבערן אַספאַלט, אים אויסגעגלייכט, אים איינגעקוועטשט, איינגעפּרעסט. און די צעפלאַמטע לופט איז פול געווען מיט עגבער־בוירעריי, מיט מאַטאָר־סאַפּעריי, וואָס האָבן אָפּגעטעמפּט די חושים, דעם מוח, אָנגעיאָגט אַ הינער־פּלעט.

נעש האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אַרבעטער האָבן זיך געקאָפּיעט אין זאַמד, זיך טיף געקאָפּיעט ביז איבער די בייכער, ביז איבער די העלדזער. זיי האָבן אַריינגעפּאַסט און פאַרפעסטיקט דאָ וואַסער־רערן, דאָ קאַנאַליזאַציע־רערן. אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט אייזערנע טעלעגראַף־סלופּעס. איבער רישטאָוואַניעס האָבן זיך געהויבן מוליאַרעס מיט טרעגלעך־ציגל אויף די נאַקעטע פּלייצעס. אין די הענט — עמערס קאַלך, עמערס ליים, עמערס צעמענט. און די זון האָט געברענט, און דאָס זאַמד אונטער די פיס האָט געברענט, און די לופט אָן אָנגעגליטע האָט פון מאָל צו מאָל אַ ברען געטאָן.

נעש האָט געקוקט אויף די יידישע אַרבעטער, אויף דער לאַנגער אַלענבי גאַס, וואָס האָט געווימלט מיט מענטשן, אויף דער אַראַבישער יפו, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פונעם גרינעם ים און געוואָלט וויסן צי יונה הנביא, ווען ער האָט זיך אויסגעבאַהאַלטן פון גאָט, איז ער טאַקע אַנטלאָפן אַהער קיין יפו, וואו די פּלשתים האָבן געוואוינט? ער האָט געוואָלט וויסן צי אויף די זאַמדן פון תל־אביב, אַנדערהאַלבן שעה פון ירושלים, האָט טאַקע דער יידישער גאָט געפירט אַ לאַנגע מלחמה מיטן גאָט פון די פּלשתים, מיט דגונען?

פון אַן אייזערנער קעלניע, וואָס האָט זיך געהויבן איבער אַ קנעט־מאַשין, איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ יונג, שוואַרץ און אויסגעשמירט, ווי אַ קוימען־קערער. ער האָט אַ קוק געטאָן נעשן אין די אויגן אַריין און זיך געפרעגט מיט אַן אָפּן, צעגלאָזט פּנים:

— דאכט זיך, נעש?

— יאָ.

— כ'האָב אייך גלייך דערקענט, כ'האָב אייך אין 1922 געזען אין וואַרשע — האָט דער אַרבעטער אַריינגערוקט נעשן אַ האַנט — זײַט געגריסט אויפן כביש *) פון תל־אביב.

די „שלום"־הענט האָבן אַ ציטער געטאָן, זיך שטאַרקער איינגעקליאַמערט. אויגן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פרייד, זיך געוואָלט דערגרונטעווען, ווי ס'וואָלטן נישט געשטאַנען קיין צוויי ווילד־פרעמדע מענטשן, נאָר אַלטע באַקאַנטע. נעש האָט זיך געפרעגט:

— וואָס, מען רעדט נאָך אויפן כביש ייִדיש?

— מען רעדט, אוי, רעדט מען.

— איר זענט אַ לינקער פועל־ציון?

— פאַרוואָס עפּעס אַ לינקער? — האָבן די אויגן אַרויסגעפינקלט פונעם אויסגעשמירטן פנים.

— ווייל איר רעדט נאָך ייִדיש.

— כ'בין נישט קיין לינקער.

— אַ רעכטער? — האָט נעש געפּרובירט טרעפן.

— אויך נישט.

— וואָס דען זענט איר? — האָבן ביידע זיך צעלאַכט.

— כ'בין אַ פּשוט'ער אַרבעטער, וואָס איז נישט רעכט, וואָס איז נישט לינק. און ייִדיש רעד איך נישט בלויז אין תל־אביב, כ'רעד אויך אויפן כביש. און אויפן כביש רעדט מען ערשט ייִדיש, ווייל אין תל־אביב היט מען זיך נאָך.

— אַזוינע ווי איר זענען פאַראַן אַ סך?

— אַ סך, אַ סך, — האָט אַ שטיקל געלעכטער אויפגעטוקט אינעם אויסגעשמירטן פנים, ווי ס'טוקט אויף אַ שטיקל זון אין אַ פאַרוואָלקנטן הימל — און וואָס איז די נפקא־מינא צי מען רעדט ייִדיש, צי העברעיִש? דער עיקר — האָט ער מיט די נאַקעטע הענט געוויזן אויף די ברייטע שאָסעען — דאָס אַלץ, וואָס איר זעט האָבן ייִדישע אַרבעטער געמאַכט, דאָס אַלץ האָט דער ייִדישער אַרבעטער דורכגענעצט און איינגעצעמענטעוועט מיט זיין אייגן בלוט און שוויס. און איצט לאָזט מען אונדז אין לאַנד נישט אַריין. מען וואַרפט אונדז צו סערטיפיקאַטן, ווי

---

*) כביש — שאָסע.

אין די פּוילישע שטעטלעך פלעגט דאָס אָנגעפּרעסענע קהל יצוואוארפן דורכפאָרנדיקע אָרעמעלייט „פלעטן אויף שבת. אפשטעכן בערג, ליגן שאָסעען, אויסטרוקענען זומפּן — וואָס מיר זאָלן נישט טאָן — קוקט דאָס „קולטורעלע" ענגלאַנד אויף אונדז קרום. אוי שמעקט נישט דעם ענגלענדער, וואָס דער ייד הייבט אָן איינצופירן דאָס עלעקטרישע לעמפּל אינעם אַראַבישן דאָרף אריין. פאַר ענגלאַנד איז געזונטער, ווען דער אַראַבער וועט אין די אָוונטן זיצן אין דער פינצטער.

עס האָבן זיך ארום נעשן גענומען קלייבן ארבעטער. און כאָטש מען האָט דאָ אָפּגעשטעלט אַ מאָטאָר, דאָרט אַ מאָטאָר, איז אין די אויערן נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס בויערײַ. עס זענען אויך אונטערגעקומען סתם דורכגייער. די קנעט־מאַשין, די וואַלץ־מאַשין, די מאָטאָרס — אַלץ האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם, אַלץ איז געבליבן ליגן, ווי נאָך אַ שלאַכט. ערשט איצט האָט מען געהערט, ווי דער שטילער ים שווענקט זיך אין דעם ווייסן זאַמדיקן ברעג.

אַ דורכגייער, מיט אַ ברייטער פּוילישער אויסשפּראַך, האָט אומדערוואָרט אַ זאָג געטאָן צו נעשן, ווי צו אַ לאַנדסמאַן:

— און איר, פּאַניע נעש, דאַרפט זיך נישט צוהערן צו די אַלע שיינע ריידעלעך. געגנוג זיך שוין געפּאַטשט אין די בייכלעך, גענוג. מען דאַרף זיין אָביעקטיוו, ווייל דאָס גאַנצע תל־אביב, מיטן גאַנצן הור־האַ איז אַן ערשט קלאַסישער „בלאָף". ווער ס'קאָן לעקט אָפּ אַ ביינדל און ס'איבעריקע איז בלאָף, בלאָף, בלאָף!

— וואָס, האָבן עטלעכע ארבעטער זיך מיטאַמאָל צעלאַכט — איר זענט נעבעך פון די אָפּגעברענטע פון די נשרפים? וואָס, איר האָט שפּעקולירט מיט „מגרשים"*) און פאַרלוירן די פּאָר פּיאַסטערס?

— גאַנץ תל־אביב איז איין גרויסע שפּעקולאַציע — איז דער פאַרבייגייער גרייט געווען ווייטער צו רעדן.

קיינער האָט זיך צו אים מער נישט צוגעהערט.

ס'איז געווען מיטאָגצייט. עולם האָט געוואָרפן די ארבעט. וואו אַ געוועלב, וואו אַ געוועלבל, וואו אַ סאָדע־בודקע — אַלץ האָט זיך צוגעמאַכט, אַלץ האָט זיך געשלאָסן. פון גאַס און געסל האָבן מענטשן נעהאַלטן אין איין אָנקומען, געשטראָמט איבער דער לאַנגער אַלענבי־גאַס. וואו אַן אויטאָמאָביל און אַ דראָזשקע אָפּשטעל, וואו אַ דורכפאָר, האָבן

*) מגרש — אַ שטיקל לאַנד צו בויען אַ הויז.

צען און צוועלף יעריקע יינגלעך עם פארשטעלט מיט לידיקע פעך פע־סער, מיט שטיקער בלעך. פאליציי, די ביקסן אין די הענט, זענען אנ־געפארן אויף געפאנצערטע אויטאמאבילן, אויף מאטארציקלס. זיי האבן אוועקגעשארט די פעסער, די שטיקער בלעך. און ווי נאר די פאליציי אויטאמאבילן זענען פארשוואונדן, איז דאס קליינוואַרג קריק אויסגע־וואקסן און די דורכפאר פלעצער זענען ווידער פארבאריקאדירט געווארן. אלץ איז אפגעטאן געווארן שנעל און שטיל, מיט פארזארגטע פנים'ער, ווי דאס וואלט בלויז געווען אן אנהייב צו א לאנגער „עבודה", וואס דארף ערשט קומען. דא און דארט האט מען געווארנט דעם המון:

— רבותי, האלט זיך רואיק, לאזט זיך נישט פראוואצירן. ענגלאנד האט דא נישט צו טאן מיט אירע האלב־ווילדע שבטים. שטייט נישט אויף איין פלאץ, האלט אין גיין.

און מען איז געגאנגען אין די טויזנטער, אין די צענדליק טויזנטער. מענטשן, וואס האבן נאר וואס געווארפן די ארבעט. די שיך — פאר־שטויבט, פארקאלכט. די פנים'ער — פארביטערט, צעוויטיקט. די אר־בעטער האבן אויסגעמיטן די אויסגעפוצטע „ברוינע העמדלעך", וואס האבן מארשירט, ווי זעלנער. די טויזנטער, די צענדליק טויזנטער אר־בעטער, זענען געגאנגען און האבן געשוויגן, זענען אנטקעגן געגאנגען געפאנצערטע אויטאמאבילן, וואו פאליצאנטן זענען געשטאנען מיט גע־לאדענע ביקסן אין די הענט, געווען גרייט צו שיסן.

און מיטאמאל א געלויף.

מען האט דערטאפט אין א זייטיק געסל א רעסטאראן, וואו די קעל־נער האבן נישט געווארפן די ארבעט. יונגוואַרג האבן פארשטעלט טיר און פענצטער. דער רעסטאראטאר, א חוצפה'דיקער ייד, האט זיך אנט־קעגנגעשטעלט:

— קודם כל דארפן מיינע געסט צפעסן מיטאג!

— קודם כל פארדינט אזא ייד, ווי איר, פעטש!

דער רעסטאראטאר האט געכאפט א פלאם אין פנים אריין. ער האט זיך קוים ארויסגעריסן פונעם המון. יונגוואַרג האבן גענומען ברעכן שטולן, רייסן פענצטער. די קעלנער זענען ארוים אין די ווייסע רעק־לעך. זיי זענען ארוים איבערגעשראקענע, מורא געהאט אריינצוכאפן קלעפ און זיך געבעטן:

— מיר האבן געווארפן די ארבעט... מיר האבן געווארפן...

אן ענגלישער ייד איז פארבייגעגאנגען מיט צוויי דאמען. ס'האט

אים לאנג געגומען ביז ער האט דערטאפט אן ארבעטער, וואס זאל זיך מיט אים אויס׳טענה׳ן אויף ענגליש.

— דערצו האב איך נישט געדארפט קומען קיין ארץ־ישראל — איז דער ענגלענדער געווארן בלאס פון כעס — דאס האב איך דאך אין ענגלאנד!

— און אויב איר מיינט, אז ארץ־ישראל איז א „האלי־לענד" און א „האלי־לענגוויטש", — האט דער תל־אביב׳ער ארבעטער געענטפערט דעם ענגלישן ייד מיט מער כעס — האט איר א טעות! ענגלאנד דריקט דעם ארץ־ישראל ייד, דער רייכער ייד דריקט דעם יידישן ארבעטער, טאקע, ווי אין ענגלאנד, און דאס איז דער היינטיקער פראטעסט, דער היינטיקער סטרייק.

נעש איז ווידער אריין אין דער אלענבי גאס, געהערט, ווי מען וואַרענט דעם המון:

— לאזט זיך נישט פראוואצירן... האלט אין גיין...

פיס האבן זיך געהויבן, זוילן האבן זיך געשארט איבער שטיין, איבער אספאלט, זיך געטראגן אנטקעגן געפאנצערטע פאליציי אויטאמאָבילן. נעש האט געוואלט וויסן צי אויף ארץ־ישראל איז טאקע אנגעפאלן א שלאף, א חוני־המעגל־שלאף, אויף קנאפע צוויי טויזנט יאר? און נאכן שלאף — די זעלבע אינערלעכע רייסערייען — בריונים, הסתדרות׳ניקעס? פונעם קרימלעכן שטילעט איז געווארן א רעוואלווער, פונעם רוימישן אדלער — אן ענגלישער לייב?

נעש איז מיטגעריסן געווארן מיטן המון, וואס איז געגאנגען א שטומער. און אז די שטומקייט האט זיך גענומען כפל׳ען אויף צענדליקער טויזנט מיילער און הערצער, איז די שטומקייט פארוואנדלט געווארן אין א געשריי, אין א געשריי פון א גאנץ פאלק.

ארץ־ישראל, 1934

# אינהאַלט

■

מארק שאגאל — צייכענונג — — — — — — — — — — — 3
אויף דער אָלימפּיק — — — — — — — — — — — — — 7
אַלעקסאנדריע — — — — — — — — — — — — — — 14
וואָס איז יידישקייט? — — — — — — — — — — — — 21
עין־חרוד — — — — — — — — — — — — — — — 27
טבריה — — — — — — — — — — — — — — — — 35
אין ירושלים — — — — — — — — — — — — — — 45
א דין תורה — — — — — — — — — — — — — — 50
עמל — — — — — — — — — — — — — — — — 55
שטיינער — — — — — — — — — — — — — — — 60
אין סאנאטאָריע מוצא — — — — — — — — — — — 66
דער סטרייק — — — — — — — — — — — — — — 72